ביבליאָטעק פון ייוואָ
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
פילאָלאָגישע סעקציע

# די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ

## באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908

ווילנע / 1931

*Bibliotek fun Jiwo. Di eršte jidiše šprachkonferenc*
„Bibljoteka Żydowskiego Instytutu Naukowego“: Pierwsza żydowska konferencja językowa odbyta w Czerniowcach w r. 1908

„The Library of the Yiddish Scientific Institute“. The First Conference on the Yiddish Language Czernowitz, 1908

P R I N T E D   I N   P O L A N D

געזעצט אין דרוקעריי ב. ציאָנסאָן און קאָמפּ׳, ווילנע, טראָקער גאַס 13
געדרוקט אין דרוקעריי י. גאָטעס און ס. שווייליך, ווילנע, ווילנער גאַס 16

# א י נ ה אַ ל ט


מ. ווײַנרײַך—אַרײַנפיר . . . VII

## I. די צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ

פאָרגעשיכטע . . . 1

די ערשטע טריט . . . 1

די פאַרבעטונג . . . 2

י. ל. פרצעס באַציִונג צום אויפרוף . . . 4

דער ערשטער אָפרוף אין דער פרעסע . . . 5

טעכנישע הכנות . . . 8

די פרעסע צו דער עפענונג . . . 15

## II. באַריכט פון דער קאָנפערענץ . . . 59

רשימה פון די אָנטיילנעמער . . . 61

תחילתדיקער אַרבעטפּלאַן . . . 61

פאָרקאָנפערענץ . . . 63

ערשטע זיצונג . . . 67

אײַנדרוקן . . . 67

ד״ר נ. בירנבוימס עפענונג-רעדע . . . 71

פרצעס עפענונג-רעדע . . . 74

די פאָלקס-פאַרזאַמלונג . . . 78

דער ליטעראַרישער אָוונט . . . 80

צווייטע זיצונג . . . 81

שלום אַשס רעפעראַט וועגן איבערטראָגן די יידישע קולטור-גיטער אין דער יידישער שפּראַך . . . 81

דעבאַטן וועגן אַשס רעפעראַט . . . 83

דריטע זיצונג . . . 85

פרצעס רעפעראַט וועגן דער אָרגאַניזיר-פראַגע . . . 85

דעבאַטן וועגן דער אָרגאַניזיר-פראַגע . . . 87

אײַנדרוקן . . . 89

אסתּרס אַרגומענטן . . . 90

די טעאַטער-פאָרשטעלונג . . . 91

פערטע זיצונג . . . 92

דעבאַטן וועגן מאַניפעסט . . . 92

ד״ר נ. סאָטעקס רעפעראַט . . . 93

ש. אײַזענשטאַטס רעפעראַט . . . 94

מ. מיזעסעס רעפעראַט . . . . . . . . . . . 94
אײַנדרוקן . . . . . . . . . . . . . . 96
**פינפטע זיצונג** . . . . . . . . . . . . . . 97
דעבאַטן וועגן דער אָרגאַניזיר־פּראָגע . . . . . . . 98
אײַנדרוקן . . . . . . . . . . . . . . . 100
**דער באַנקעט** . . . . . . . . . . . . . . 100
**זעקסטע זיצונג** . . . . . . . . . . . . . . 102
דעבאַטן וועגן דער אָרגאַניזיר־פּראָגע און וועגן נאַציאָנאַל־
שפּראַך . . . . . . . . . . . . . . 103
**זיבעטע זיצונג** . . . . . . . . . . . . . . 105
דעבאַטן וועגן נאַציאָנאַל־שפּראַך . . . . . . . . 105
פּרצעס קוק . . . . . . . . . . . . . . 108
**אַכטע זיצונג** . . . . . . . . . . . . . . 108
דעבאַטן וועגן דער נאַציאָנאַל־שפּראַך און וועגן דער צווייַ־
טער קאָנפערענץ . . . . . . . . . . . 108
**נײַנטע זיצונג** . . . . . . . . . . . . . . 114
דעבאַטן און אָפּשטימונג וועגן דער אָרגאַניזיר־פּראָגע . . 114
אײַנדרוקן . . . . . . . . . . . . . . . 117
**צענטע זיצונג** . . . . . . . . . . . . . . 117
אָפּשטימונג וועגן דער אָרגאַניזיר־פּראַגע . . . . . . 117
וואַלן און שליסונג פון דער קאָנפערענץ . . . . . . 121
**פונעם ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער
שפּראַך** . . . . . . . . . . . . . . 123
**די דיכטער־טורנע לטובת דעם ביוראָ** . . . . . . . 125
**צוגאָבן צום קאָנפערענץ־באַריכט** . . . . . . . . 129
מתיתיהו מיזעסעס באַריכטיקונג . . . . . . . . . 129
אסתּרס דערקלערונגען . . . . . . . . . . . 131
ל. כאַזאַנאָוויטשעס הכחשה . . . . . . . . . . 133
י. ל. פּרצעס דעקלאַראַציע . . . . . . . . . . 133
נ. פּרילוצקיס ניט־געלייענטער רעפעראַט . . . . . . 135
**III. מתיתיהו מיזעסעס רעפעראַט** . . . . . . . . 144
**IV. פּרעסע־שטימען וועגן דער קאָנפערענץ** . . . . 195
סעפּטעמבער 1908 . . . . . . . . . . . . . 197
אָקטאָבער 1908 . . . . . . . . . . . . . 241
נאָוועמבער 1908 . . . . . . . . . . . . . 274
דעצעמבער 1908 . . . . . . . . . . . . . 275
1909 . . . . . . . . . . . . . . . . 283

# מתתיהו מיזעסעס רעפעראַט וועגן דער יידישער שפּראַך [1]

1

די שפּראַך איז דער שטאַרקסטער קיט, וואָס ער האַלט גרופּן פון מענטשן אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט צוזאַמען. דער פאַקט אַליין, אַז אַ געוויסע אָנצאָל פון מענטשן קען זיך נאָר צווישן זיך פאַרשטענדיקן, שנירט זיי צוזאַמען און שיידט זיי אָפּ אין יעדער הינזיכט פון אַנדערע, וואָס זיי פעלט דאָס זעלבע מיטל זיך צו פאַרשטענדיקן. ערשט אַ אייגענע שפּראַך מאַכט מעגלעך, אַז אַ פאָלק זאָל קענען פירן אַ זעלבשטענדיק קולטור-לעבן מיט אַ אייגענעם אויסדרוק.

פעלקער, וואָס זיי פעלט אַ אייגענע שפּראַך, מעגן זיי אויף דער לייטער פון דער ציוויליזאַציע נאָך אַזוי הויך שטיין, מעגן זיי נאָך אַזוי פאַרפלאַמט זײַן אויף זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פירן אַ שוואַך און פאַרטונקלט זאָנדער-לעבן, צו זייער קולטור פעלט אַ שאַרפע און טיפע אייגענע אויספּרעגונג.

אַלס בײַשפּיל קענען אונדז דינען די אירלענדער. דאָס איז אַ פאָלק פון פײַערדיקע פּאַטריאָטן, און דערצו אַ עילויִש פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אין מיטלאַלטער דעם ערשטן פילאָזאָף סקאָטוס עריגענאַ, וואָס האָט אין יענע צײַטן, ווען דיקע פינצטערניש האָט אַלעס צוגעדעקט, דײַטשלאַנד צו דער קולטור צוגעפירט; קאָלומבאַן, גאַללוס זענען געווען איראָשאָטן; אַ טאַלענטירט פאָלק, וואָס גיט נאָך הײַנט אַרויס אַ סך אָריגינעלע ענגלישע שרײַבערס (בערנאַרד שאָו איז אַ אירלענדער) — און דענאָך, קוקסט אָן ווי זײַן הײַנטיקע נאַציאָנאַלע קולטור זעט אויס.

נישט די קאַטאָרגע פון די ענגלישע לאָרדס האָט באַווירקט די ירידה-גיין; ס'זענען דאָ אַנדערע פעלקער וואָס האָבן אַ סך ווייניקער פונקען פונעם געטלעכן ליכט און וואָס האָבן מער געליטן, און דענאָך איז זייער כוח נישט פאַרזולשט. די סיבה פון דעם אויסלעשן פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן פײַער איז פּשוט דער מאַנגל פון אַ אַלגעמיינער אייגענער פאָלקשפּראַך. נאָר

[1] מיר גיבן דאָ דעם פולן טעקסט פון מתתיהו מיזעסעס רעפעראַט, וואָס אַ קיצור פון אים איז געדרוקט ז' 94—96.—רעד' ייווא.

אַ גאַנץ קלײנער טײל אירלענדער שמועסט איריש, דער גרעסטער טײל פון זײ שמועסט ענגליש. אַ פאָלק וואָס פאַרלירט זײַן לשון פאַרלירט אויך זײַן באַזונדערע נשמה. ס'ווערט אויס אים אַ קאָפּיע פון פרעמדע פאָרמען, כאָטשע דער אינהאַלט, די נוס, דער קוואַל פון דער נשמה מעג זײַן אייגן.

קײגער איז נישט קליגער ווי אַ בעל־נסיון, ווי דער וואָס האָט אַ סך ערפאַרונג, זאָגט אַ אַלט יידיש ווערטל. אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַ לאַנגע געשיכטע מיט ערפאַרונגען אָן אַ צאָל הינטער זיך, אונדזער פאָלק וואָס פירט שוין צײַט עטלעכע טויזנט יאָר באַוווסט אַ זעלבשטענדיק קולטור־לעבן, האָט שוין לאַנג דערלאַנגט די ידיעה פון דעם דאָזיקן געזעץ פון דער היסטאָריע, האָט שוין לאַנג דערקענט, וואָס פאַר אַ חשיבות ס'האָט אַ לשון אַלס בינדע־גליד און דערהאַלטער.

תמיד האָט דער ייד געזען אַ אייגן לשון צו רעדן. אַ פּאַנאָגראַף פון פרעמדע לשונות צו זײַן, עפּעס אַ מין אויטאָמאַט, וואָס מען פּויקט אין אים אַרײַן ווערטער און ס'פּויקט אויס אים אַקוראַט גלײַך אַרויס, האָט זיך דער ייד—אַזוי ווײַט ווי די כוחות האָבן אים געסטאַרטשעט—קײן מאָל נישט געוואָלט דערנידריגן. ס'זענען געווען צײַטן, ווי די פאַרהעלטניסע מיט זײער שרעקלעכער געוואַלט האָבן געצווונגען דעם ייד פרעמדע לשונות צו רעדן, אָבער דענאָך האָט זיך דער ייד נישט געבייגט און האָט נישט מיט שווײַגן אַלדינג אויפגענומען, ניין! צו שטאַרק איז דער ייד דערצו געווען.

ער האָט דעם פרעמדן וואָרטשאַץ בלויז אַלס רווישטאָף, אַלס טויט מאַטעריאַל באַטראַכטעט, וואָס ער האָט באַלעבט מיט זײַן אייגענעם גייסט און דערויף זײַן אייגן זיגל אויפגעדריקט. ווי איבער גאַנץ מערב־זײַט פון אַזיען האָט זיך דאָס אַראַמעיִשע לשון פאַרשפּרייט און האָט פאַרדרענגט אַלע אַנדערע סעמיטישע לשונות, האָט דער ייד אויך געמוזט דאָס העברעיִשע איבערבײַטן,—אָבער אויף אַ אייגן אופן. דאָס אַראַמעיִשע, וואָס ער האָט אָנ־גענומען, איז געוואָרן געפורעמט צו זײַן אייגן לשון, און ס'איז אַזוי מחולק געווען אין ארץ־ישראל פונעם סירישן, ווי אין בבל פונעם מאַנדעיִשן. דאָס אַראַמעיִשע פון דער יידישער ליטעראַטור פון דניאל ביז בבלי, ירושלמי און תרגום זענען אייגענע דיאַלעקטע. ווי אין דער צײַט פונעם צווייטן בית־המקדש האָט זיך דער ייד אין אַלעקסאַנדריען באַזעצט און האָט געפונען פאַר בייטיק גריכיש דאָרט צו רעדן, האָט ער דאָס אָנגענומענע גריכיש פאַראַרבעט צו אַ אייגן העלעניסטיש דיאַלעקט. דאָס לשון פון דער סעפּטואַגינטאַ, פון די אַפּאָקריפען, פונעם נײַעם טעסטאַמענט איז אַזוי נישט גלײַך צו דעם קלאַסישן לשון פון האָמער אָדער סאָפאָקלעס ווי צו דער קוינע (koinē) פון די אַלעקסאַנדרישע גראַמאַטיקער. הונדערטער ווערטער, ווענדונגען, טײַטשן זענען גאַנץ נײַ און אייגן. שירער זאָגט, אַז דער אמתדיקער העלענער האָט איבערהויפּט נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם זשאַרגאָן פון דער יידיש־אַלעקסאַנ־דרינישער ליטעראַטור. דער ייד האָט תמיד געזען, זײַן נשמה זאָל ווערן אויס־

געדריקט אויף איר ספעציפיש אופן, אַז זײַן וועלט־אָנשויונג זאָל האָבן אַ אייגענעם אויסדרוק.

שוין אין אַלטערטום, נאָך גרוי פאַרצײַטנס, ווי די רוימער האָבן זייער מלוכה איבער דער גאַנצער וועלט געהאַט, האָבן זיך באַזעצט קליינע גרופן פון יידן אין דער ווײַטער פראָווינץ שפאַניען. ווייניק און צעשפרענגט און אָן קאָנטאַקט מיט די יידישע צענטרען, זענען זיי גאַנץ צעשמאָלצן געוואָרן אין זייער אומגעבונג. אַ סך הונדערטע יאָרן זענען פאָריבערגעגאַנגען, און פון זיי האָט מען קיין קול נישט געהערט. פוסטקע ווי אין אַ מדבר. שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. לאַנג, לאַנג האָט דאָס געדויערט. דער ווינטער־שלאָף האָט נישט געוואָלט ענדיקן. ביז ענדלעך זענען עטלעכע חכמים פון בבל געקומען, און דער מאָרגנשטערן האָט אין דער וויסטעניי אויפגעשײַנט און דעם שווערן שלאָף פאַריאָגט און די פאַרדרימעטע צום לעבן דערוועקט. פון די הינערפלעט האָבן זיך די דאָרטיקע פאַרגליווערטע יידן צו אַ נײַ שטורמיש לעבן אויפגעכאַפּט, אַ סך ערנסטע דענקער און גוטע פאָעטן און טאַלענטירטע שפראַכפאָרשער זענען אויפגעגלענצט, די פאַרבאָרגענע כוחות זענען אויפגעבליט, אַ שיינע עפּאָכע איז דערלײַכט.

אָבער דענאָך איז דאָס נישט קיין גלאַנץ־צײַט פון דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור. זייערע געדאַנקען־סיסטעמע, זייערע דיכטונגען, זייערע דקדוקים וואָלטן געקאָנט אויך פון אַראַבער געשריבן ווערן און זענען אויך צו־מייסט נישט העברעיש, נאָר אַראַביש געשריבן געוואָרן.

אמתדיק אייגנס, אָריגינעל יידישעס, וואָס טריסקעט אַרויס אויס דעם קוואַל פון דעם פאָלקס־כוח, האָבן זיי נישט געקאָנט שאַפן. קיין אייגן לשון האָבן זיי נישט געהאַט, און זיי האָבן זיך פאַרדעם נישט געקענט צו אַ אייגענע פאָלקס־מאַסע קריסטאַליזירן, אַנטשפרעכנד צו דער אייגענער שאַפונגס־קראַפט ווײַטער צו בילדן. לאַנגע צײַטן פון ווױלטאָג האָבן פאַרווייכלעכט די יידן און נישט צוגעלאָזט אַפילו שפעטער צו קיין אינערער קאָנצענטראַציע.

דערצו נאָך דער וועקסל פונעם אַראַבישן צום שפאַנישן, דער פלוצימדיקער דרוק האָט זיי דעם רעסט פונעם כוח צו שאַפן און אומבילדן גענצלעך גענומען. אַפילו שפעטער, ווען זיי זענען געוואָרן פאַרטריבן און אָפּגעשניטן פון דעם פאָלק, וואָס זיי האָבן פון אים די שפראַך גענומען, און דאָס אייגענע פאַרדײַען וואָלט באַדאַרפט אָנצוקומען לײַכט, האָבן זיי נישט באַזיצט די געזונטע קראַפט אויס דעם פרעמדן עלעמענט אַ באַזונדער לשון צו שמידן.

ספרדיש, שפאַניאָליש, וואָס אונדזערע ברידער שמועסן אינעם אָריענט, וואָס אונדזערע געגנער שטעלן עס אַקעגן צו אונדזער יידיש, איז איבערהויפט נישט קיין אייגן לשון, אַפילו קיין דיאַלעקט נישט. אַ פאָר גאָר ווייניקע לשון־קודשע ווערטער און עטלעכע פאַראַלטעטע קאַסטילישע אויסדריקע

מאַכן נאָך נישט אויס קיין אייגן געפרעגע. די גראַמאַטיק, די אויסשפראַך, די פאָרמען זענען די זעלבע וואָס אין שפאַניען, נישט דער מינדסטער חילוק. אַ שפאַניער קאָן אַ שפאַניאָלן פולקומען פאַרשטיין. ס׳זענען דאָ אַ סך שפאַנישע פאַטריאָטן, וואָס האַלטן די שפאַניאָלן פאַר אמתדיקע פאָלקס=גענאָסן. ס׳ערשײַנען אַפילו אַ סך ספרדישע ביכלעך מיט לאַטײַנישע אותיות. אַפילו דער נאָמען פונעם ספרדישן בײַ די שפאַניאָלן אַליין איז נישט יידיש. דאָס ספרדישע הייסט בײַ זיי „לאַדינאָ“, „לאַטײַן“, ד״ה ראָמאַניש. אין טיראָל איז דאָ אַ דיאַלעקט, וואָס ער הייסט אויך אַזוי.

אַחוץ די ספרדים איז דאָ אין אָריענט אַ צווייטע גרופע פון יידן, וואָס רעדן אַראַביש. זיי זענען צעשפרענגט אויף קליינע קופקעלעך אין צפון=זייט פון אַפריקאַ, אין אַראַביען און בבל און צענטראַל=אַזיען, פירן אַ פלאַנצן-לעבן. זיי זענען אַ טויטער טייל פון אונדזער פאָלק. זייערע לייסטונגען פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז גלײַך זעראָ. זיי שטייען אויף דעם זעלבן ניוואָ וואָס זייערע שכנים, רעדן זיי ווי זיי, דענקען זיי ווי זיי. פאַרקאָפטשעט איז דאָס ליכט פון זייער נשמה, אויסגעטריקנט דער שטראָם פון זייער נאַציאָנאַל-קראַפט. זיי זענען אַסימילירטע יידן, „אַראַבער מאָזאַאישער קאָנפעסיאָן“, אמתדיק געזאָגט פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרלוירענע שאָף. אַחוץ דאָס ביסל אמונה איז גאָר נישט קיין חילוק צווישן די דאָזיקע יידן און מאָהאַמעדאַנער וואָס רעדן אַראַביש. אָן לשון און אָן כוח, זענען זיי געוואָרן געליימטע אברים פון אונדזער פאָלק.

אַם שטאַרקסטן און אַם קרעפטיקסטן פון אַלע שפראַכן וואָס אונדזער פאָלק האָט אין גלות אויפגענומען, איז אַם שטאַרקסטן פאַריידישט און צו אַ זעלבשטענדיק לשון געוואָרן פאַראַרבעט יענץ לשון, וואָס די יידן פון מיטל- און מזרח=אייראָפאַ האָבן פון די גערמאַנען באַקומען.

די גרויסע מאַסע פון די אַשכנזים האָט קיין מאָל נישט געבראָכן מיט איר אייגענער פאַרגאַנגענהייט, נאָר זעלבשטענדיק פון זיך אַרויס תמיד געשאַפן די אַלטע קולטור—בשעת די ספרדים האָבן פרעמדע גערטנער געהיט און די אַנדערע גרופן זענען געווען פאַרזונקען אין באַרבאַרײַ. די ליטעראַטור פונעם פלפול, פון די תשובות און די פשטלעך איז אַ קרעפטיקער המשך, אַ שעפערישע, טיפע קאָנטינואַציע פון דער ליטעראַטור פון דער גמרא. ס׳האָט זיך אין דער יידיש=געהאַלטענער אַטמאָספערע אַ אייגענער, כאַראַקטעריסטישער טיפוס אַרויסגעבילדעט. דער פוילישער, אַשכנזישער ייד מיט זײַן אופן צו קלערן, מיט זײַן אויסגוויינענדיקער ערשײַנונג, מיט זײַן רעדן, מיט זײַנע ווערטלעך, מיט זײַן גאַנץ וועזן איז עפעס אָריגינעלעס, שטאַרקעס, וואָס האָט טיפע וואָרצלען; עפעס אוראייגענעס, נישט קיין קאָפיע. דער אַנטיסעמיטיזמוס האָט געוויינט אַפילו די אייגענע אַשכנזישע אינטעלעקטועלע, אַז זיי זאָלן אַראָפקוקן מיט בזיון אויף דעם אַלטן פוילישן ייד אין דער קאַפאָטע, צו פאַראַכטן דעם פלפול, צו פאַרשפעטן די פאַרצײַטיקשט יידישע אייגנטימ-

לעכקייטן. אָבער ווער ס׳איז נישט קיין שקלאַוו פון גויִשע פּאַראָורטיילע און האָט פאַרשטענדניס פאַר אָריגינעלקייט און ווייס דעם צווישנשייד צווישן אַ אָפּקלאַטש, אַ קאָפּיע, און צווישן דעם וואָס די נשמה שפּינט אַליין אַרויס מיט אירע אייגענע כּוחות פון אירע פאַרבאָרגענע טיפעניש, וועט אַ אַנדער אורטייל איבער דער דאָזיקער יידן-גרופּע האָבן.

ווען אונדז זאָל׳ מיר אָנקוקן, וואָס די אַשכּנזישע יידן האָבן געלייסטעט זינט דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך דערנענט צו דער ציוויליזאַציע פון מערב-אייראָפּאַ, מוזן מיר אַ נישט-געוויינלעכע מיינונג געווינען איבער דער קראַפט און פעיִקייט, וואָס ליגט אין וועזן פון די מזרח-יידן. מענדעלזאָן, היינע, מײַערבער, מאַרקס, הערטץ, לאַזאַר גייגער אאַז״וו זענען זין פון נאָר אַ קליינטשיקן טייל פון די אַשכּנזישע יידן. די מיט זייער קולטור אויסגעצייכנטע יידן פון דײַטשלאַנד זענען עטנאָגראַפיש פּויליש-אַשכּנזישע יידן. פאַר הונדערט יאָר צוריק האָבן זיי געשמועסט דאָס זעלבע לשון, געלערנט די זעלבע גמרא, געלעבט אין זעלבן גייסט ווי זייערע ברידער פון מזרח-זײַט.

און אײַזנדיק איז דער טיפּוס פון דעם אַשכּנזישן ייד. ניצשע, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט דעם אַסימילירטן דײַטשן ייד, זאָגט, אַז דער ייד איז אַ געבוירן פאָלק (natio nata) אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פעלקער, וואָס זענען נאָר קינצלעך געמאַכט (natio facta). און ס׳איז אויך אמת. היינע איז דורך און דורך אַ ייד. אַפילו בײַ בערנע הערט מען גאַנץ אָפט אַ אייגענע יידישע נאָטע. מאַרקס מיט זײַן ווירטשאַפטלעכער מאָניסטישער וועלטאָנשויונג איז ווײַטער דער ייד פונעם אַני-מאמין; נור שטאָט דאָס מאָנאָטעיִסטישע אחדות פונעם אייבערשטן האָט ער דאָס מאַטעריאַליסטישע אחדות פון דער עקאָנאָמיע.

אַפילו האַלבע אַשכּנזישע יידן קאָנען פון זיך נישט אָפּטון די השפּעה פונעם יידישקייט. בראַנדעס ווײַזט נאָך, אַז בײַ פּויל הייזע, וואָס נאָר זײַן מאַמע איז געווען אַ יידיש קינד אַ משומדת, זענען פאַרהאַנען יידישע נאָכקלענגע אין זײַן פּאָעטישער פאַראַנלאַגונג.

בכן, די דאָזיקע גרופּע פון יידן, וואָס זייער כאַראַקטער, זייער טיפּוס איז אַזוי אייביק ווי געגאָסן אויס אײַזן, אַזוי שווער אויסצומעקן ווי געהאַקט אין אַ פעלזן, האָט באַטעטיקט דעם דאָזיקן פּלאַסטישן כּוח, וואָס זייערע זיידעס האָבן באַוויזן אין אַלעקסאַנדריען און בײַם אַראַמעיִשן, און זיי האָבן דאָס לשון וואָס זיי האָבן אין דײַטשלאַנד דערהאַלטן פאָלקאָממען פאַריידישט. זיי האָבן די פרעמדע עלעמענטע צום יידישן גייסט אָנגעפּאַסט, די אויסשפּראַך לויט דער אייגענער פאָנעטישער פאַראַנלאַגונג אומגעבילדעט, אַ סך כּללים פון דער גראַמאַטיק געענדערט, הונדערטע ווערטער אַרײַנגעבראַכט, גענוג: זיי האָבן אַ גאַנץ נײַע יידישע שפּראַך געמאַכט.

מען קאָן רעכנען, אַז הײַנט רעדן גוטע אַכט מיליאָן יידן יידיש-אַשכּנזיש. איך וועל פון די $5\frac{1}{2}$ מיליאָן רוסישע יידן 5 מיליאָן רעכנען, דערצו גאַליציען און בוקאָווינאַ 1 מיליאָן, מזרח-אונגאַרן און רומעניען $\frac{3}{4}$ מיליאָן, צפון-

זייט פון אַמעריקאַ, ענגלאַנד און דרום־זייט פון אַפריקאַ מינדעסט 1¼ מיליאָן; דאָ האָבּן מיר צוזאַמען קליין געשאַצט 8 מיליאָן. ווען אונדז זאָל'מיר נאָך צורעכנען די יידן, קרבנות פון דער אַסימילאַציע, וואָס זענען אַשכּנזים, און זיי, אָדער זייערע פעטער אָדער זיידעס, האָבּן פריער אונדזער יידיש גערעדט, דאָ וואָלטן מיר געקאָנט נאָך 2 מיליאָן צורעכנען. אַלע אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע יידן, אַחוץ אפשר אַ פערטל מיליאָן ספרדים, האָבּן מיט הונדערט יאָר אָדער נאָך ווייניקער צוריק פון פּאַריז ביז אַדעס, פון לאָנדאָן ביז יאַס אַלע איין לשון, דאָס אַשכּנזישע געשמועסט.

אַכט רעשפּעקטיווע צען מיליאָן מענטשן וואָס רעדן אַ אייגן לשון האָבּן דאָס רעכט זייער לשון צו האַלטן פאַר דאָס לשון פון אַ פאָלק, קאָנען מיט יושר שטעלן די פּרעטענסיע, אַז זייער לשון זאָל באַטראַכטעט ווערן פאַר אַ נאַציאָנאַל לשון.

II

יאָ, וועט איינער זאָגן, דאָס לשון וואָס די יידן האָבּן געמאַכט איז דאָך גאָר ניט קיין לשון, ס'איז דאָך עפּעס אַ קוידערוועלש, אַ סוחרים־זשאַרגאָן, אַ מין געמישעכץ פון פאַרשיידענע לשונות, עפּעס אַ טורעם פון בבל, אַ מישמאַש פון קאַליע דייטש מיט לשון־קודש און סלאַוויש. איך וועל די איידלע מפונקים פרעגן: וואָס איז דאָס ענגלישע, נישט קיין גערמאַניש־פראַנצייזישער פּודינג? וואָס זענען די ראָמאַנישע לשונות, דאָס איטאַליענישע, פּראַנצייזישע, שפּאַנישע אאַז"וו — נישט קיין פאַרדאָרבן פאָלקס־לאַטיין, צוזאַמענגעקלעבט מיט יסודות אויס גערמאַנישע, קעלטישע, באַסקישע און נאָך אַנדערע שפּראַכן?

אונדז יידן קענ'מיר זיך טרייסטן, אַז נישט נאָר מיר האָב'מיר מלחמה צו פירן מיט דעם אָבּערפלעכלעך אורטייל פון דעם עולם.

אויך די ראָמאַנישע שפּראַכן, ווי פאַרצייטנס זיי האָבּן זיך אָנגעהויבן צו דערהייבן צו דער מדרגה פון ליטעראַטור־שפּראַכן, זענען געוואָרן געהאַלטן פון דער געבילדעטער קלאַס פאַר קאַליע לאַטיינישע דיאַלעקטע. ווי דאַנטע האָט זיין אומשטערבלעך ווערק, די געטלעכע קאָמעדיע, מחבר געווען, האָט מען אים אין זיין אייגן פאָטערלאַנד געפרעגט, וואָס איז די מעשה וואָס ער שרייבּט אין דעם פאַרדאָרבענעם זשאַרגאָן פון דעם המון, פאַרוואָס שרייבּט ער נישט קיין לאַטיין. אין אַזאַ פאַראַכטונג איז דעמאָלט געווען די שענסטע שפּראַך פון אייראָפּאַ, דאָס איטאַליענישע! פראַנקרייך, וואָס האָט זיין לאַטיינישן זשאַרגאָן צום ראַנג פון אינטערנאַציאָנאַליטעט דערהויבן, האָט די מלחמות פון דער „פּלעיאַד" היינטער זיך. נאָך אין 16טן יאָרהונדערט האָט מען געמוזט לאַנגע ליטעראַרישע קריגעכצער פירן כדי צו באַווייזן, אַז פראַנצייזיש איז נישט קיין patois, נאָר עבנבּירטיק צום לאַטיינישן.

די חשובסדיקע לשונות פון אייראָפּאַ זענען זשאַרגאָנס, און מען האָט

זיי בתחילת טאַקע מבזה געווען; און דענאָך שעמט זיך מיט זיי היינט נישט קיין עסטעט, קיין שפּראַכלעכער גורמאַנד. און אונדז זאָל'מיר אונדזער פּײַנ־געפיל ווי אַ גוזמא איבערטרײַבן און זיך שעמען מיט אונדזער לשון? ניין! און נאָכאַמאָל ניין!

דאָס וואָס דער ייד פאַרהאַלט זיך קאַלט צו זײַן לשון, אָן אַהבה און ליבשאַפט, איז נישט פאַרדעם ווײַל דער ייד האַלט פאַר זיך פאַר אַ עוולה אַ מיש־שפּראַך צו רעדן. דער אמתדיקער טעם איז פשוט בושה, איינפאַך שקלאַוון־געפיל. דער ייד לאָזט זיך סוגערירן פון די אַנטיסעמיטן. בכן דער דײַטש, דער שונא ישראל, פאַרלאַכט די יידישע פאָרם און געשטאַלט פון זײַן לשון, — מיינט דער ייד, אַז דער דאָזיקער שטאָלצער דײַטש האָט רעכט, און טוט אים נאָך, און דערקלערט זײַן יידיש לשון פאַר אַ ווילדן זשאַרגאָן און האַלט עס פאַר אַ גרויסער חרפה אין אים צו רעדן.

אַ גרויסער טייל פון די האַנדלונגען פון די יידן זײַט אַ פּאָר צענד־ליגגע יאָרן שטאַמען פון דער אַנטיסעמיטישער סוגעסטיע. אומבאַוווסט, כדי פשוט צו מינדערן די אָנגריפס־פּונקטע פון די שונאים, אויס ריינעם אינ־סטינקט, ווענדט זיך דער ייד געגן אַ סך פון זײַנע נאַציאָנאַלע גיטער נאָר פאַרדעם, ווײַל דער גוי האַלט זיי פאַר נישט גוט אָדער נישט שיין. אומבאַ־וווסט האָרכט צו די אַנטיסעמיטישע סוגעסטיע אפילו דער טרײַער ציוניסט, דער הייסער העברעער און לייגט די האַק אויף דער איינציקער מויער און שאַנץ פונעם יידישן פאָלק אין אייראָפּאַ, אויף זייער היינטיק לשון, אויף דאָס יידישע.

דער אַנטיסעמיטיזמוס קערט זײַן בויגן און שיסט זײַנע פײַלן קעגן אַלדינג וואָס ווערט גערופן יידיש, קל וחומר דאָ ווו ס'האַנדלט זיך נישט נאָר אַליין וועגן אַ יידישער זאַך, נאָר נאָך דערצו וועגן אַ מיש־שפּראַך וואָס איז פון יידן געמאַכט. דאָ וועקט זיך אויף די גאַנצע גאווה בײַ די פירנדע אַנטיסעמיטן פון אייראָפּאַ, בײַ די דײַטשן.

די דײַטשן האָבן אַ שוועכע צו אַלע נישט־אורשפּרינגלעכע לשונות. זיי בילדן זיך אײַן, אַז מחמת דעם ווײַל זיי זענען דאָס איינציקע פאָלק אין מערב־אייראָפּאַ, וואָס רעדט לויט דעם פּלוג נישט קיין פאַרמישט לשון, זענען זיי דאָס איידלסטע קולטור־פאָלק, די אויסערוויילטע נאַציע פון דער וועלט, און אַלע אַנדערע פעלקער — און ספּעציעל די דאָזיקע וואָס רעדן נישט קיין אורשפּרינגלעכע לשונות — זענען אינפעריאָרע ראַסן.

אַזוי פאַרהאַלט זיך דאָס דײַטשע פאָלק צו די גרעסטע קולטור־פעל־קער פון אייראָפּאַ, ווער שמועסט צו אונדז. בײַ דעם בעל־גאווהדיקן פאַר־האַלטן אונטערשיידן זיך נישט די קלאָרסטע דענקער פון דעם גראָסטן פעבל.

דער גרויסער פילאָזאָף פיכטע זאָגט אין איינער פון זײַנע באַרימטע רעדן צו דער דײַטשער נאַציע (IV), אַז ס'זענען בטל אַלע פאַרגלײַכעכצער צווישן דעם דײַטשן און צווישן דעם ניי־לאַטײַניש, ד"ה ראָמאַניש. ער באַ־

הויפּטעט, אַז ווען מען וויל שמועסן פון דעם אינעווייניקן ווערט פונעם דײַטשן, קען מען פאַרגלײַכן נאָר מיט אַ לשון פון גלײַכן ראַנג, ווי למשל דאָס גריכישע.

שאָפּענהויער, וואָס האָט זיך אַלס אַ זון פון אַ נידערלענדער קיינמאָל נישט געפילט דײַטש־פּאַטריאָטיש, איז אויך נישט מחולק בײַ דעם פון די גערמאַנישע שאָוויניסטן און זאָגט, אַז דאָס ענגלישע און פראַנצייזישע שטייען אין געגנזאַץ צו די אורשפּראַכן (Parerga 284§; און פאַרדעם ווײַל די דאָזיקע שפּראַכן זענען נישט קיין אורשפּראַכן, וואָס נאָר דאָס דײַטשע האָט דאָס כבוד צו זײַן, איז בײַ אים דאָס פראַנצייזישע „דער עלענדעסטע ראָמאַנישע זשאַרגאָן", „די שלעכטעסטע פערשטימעלונג (דאָס אַרגסטע קאַליעמאַכעכץ) לאַטײַנישער ווערטער" (l. c. 299).

אַצינדערט איז דאָס נישט קיין חידוש, אַז דער דײַטש, דער שוואַב דער שטאָלצער, וואָס ער איז גאַנץ פאַרנאַרט אויף זײַן אורשפּרינגלעכקייט, דעגראַדירט אונדזער מיש־שפּראַך, וואָס האָט נאָך דערצו דאָס אומגליק יידיש צו זײַן, פאַר אַ זשאַרגאָן.

אַז אונדז וועל'מיר פאַרלאָזן דאָס ענגע ווינקל פון פאַראורטיילטע און אַרויספליען פון דער פאַרשרומפּענער שטומפּיקער שאַבלאָנע אין די הויכע לופטן פון ברייטע האָריזאָנטן, פון ווײַטע פילאָלאָגישע פּערספּעקטיוון, וועט קלאָר און דײַטלעך פאַר אונדז ווערן, אַז אַ מיש־שפּראַך איז ניט קיין חסרון. דווקא לשונות פון ווילדע פעלקער זענען ריין און ציכטיק, אָן אַ פרעמד צומישעכץ. די אינדיאַנער, די באַנטו, די אויסטראַל־נעגער האָבן אין דער איינזאַמער שטילקייט פון די וועלדער זייערע שפּראַכן אָפּגעהיטן פאַר פרעמדע עלעמענטע און זייער איינהייטלעכן בוי דערהאַלטן אַזוי כּשר ווי בײַ די ששת ימי בראשית. ווי מער אַ פאָלק האָט קולטור, אַזוי מער דערהאַלט זײַן שפּראַך פרעמדע צופליסע.

אונדז קאָנ'מיר דאָס זען בײַ פעלקער וואָס נעמען הײַנט אָן אַ נײַע קולטור. דאָס יאַפּאַנישע זאַפּט זיך אײַן אַ סך ענגלישע ווערטער, און ס'איז אַ מעלה. דער גרויסער קענער פון יאַפּאַן Lafcadio Hearn פרייט זיך אין זײַן ביכל קאָקאָראָ דעריבער, ער האַלט דאָס פאַר אַ פּראָגרעס, די שפּראַך וועט דאַדורך רײַכער ווערן, אַזוי ווײַט, אַז ער האָפט, אַז מיט דער צײַט וועט אַפילו דער יאַפּאַנישער דקדוק זיך ענדערן אונטער דעם אײַנפלוס פון די אייראָפּעיִשע שפּראַכן.

אויף אַ ריינעם יחוס פון אַ לשון צו שטאָלצירן איז אַ קליינטשיקער, ענגהאַרציקער שטאַנדפּונקט. בלוי בלוט מיט צוויי און דרײַסיק זיידעס איז נישט פאַרהאַנען בײַ קיין לשון. ס'איז אַ זאַך וואָס די פילאָלאָגן האָבן באַווייזן, אַז אַ שפּראַך דערהאַלט זיך ריין נאָר אין דעם אורצושטאַנד פון באַרבאַרײַ, אַז ווי מער אַ פאָלק אַנטוויקלט זיך, אַזוי מער ווערט זײַן שפּראַך פאַרמישטער, פאַרדאָרבענער, פאַרלירט זײַנע פאָרמען, זײַן אמתדיקן קלאַנג

אַזױ. בכן איז דאָס נישט קיין פֿעלער, אַז אַ לשון איז פֿאַרמישט, דאָס איז נישט קיין פֿאַרװיאַנעט װערן, נאָר אַ באַגלייט־ערשײַנונג פֿון אַנטװיקלונג.

איך װיל ניט פֿון דעם דײַטשן פֿאָלק אַװעקלייק׳נען זײַן הויכע קולטור, זײַן גלענצנדיקע אַנטװיקלונג, און פֿאַר דעם װיל איך אויך זאָגן, אַז די דײַטשע שפּראַך, כאָטשע זי איז לפֿנים אַזױ אורשפּרינגלעך, האָט אַלע מערקמאַלע פֿון אַ פֿאַרמישט לשון, פֿון אַ זשאַרגאָן.

אַ גוטע העלפֿט פֿון אַלע דײַטשע װערטער זענען פֿרעמדװערטער, פֿון דעם װיל איך שוין גאָרנישט שמועסן. פֿון די װערטער, װאָס דאַכטן זיך אונדז אַלס כּשר דײַטש, איז אַ זייער גרויס חלק לעהנװערטער, װאָס זענען אַ אינטעגראַלער טייל פֿונעם דײַטשן לשון. אַפֿילו די דײַטשע אורװערטער זענען נישט צוזאַמענגעהאַלטן דורך אַ אייגהייטלעכן פּאַדעם.

מען װאַרפֿט געװיינלעך פֿאָר געגן די ראָמאַנישע שפּראַכן, אַז װערטער װאָס קערן צום זעלבן שורש זעען טײלמאָל אַזױ אויס, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו דערקענען זייער צוזאַמענהאַנג. מען װאַרפֿט אויך פֿאָר דעם יידישן, אַז למשל אינעם װאָרט צושטאַרגעבן דערקענט מען נישט דאָס װאָרט „שטײַער" (צושטײַערן), אַז פֿאַרװאָרלייסט קלינגט װי „לייסטן", נישט „לאָזן" (פֿערװאַרלאַסען). דעם זעלבן צוג קען מען אויך בײַ דעם דײַטשן באַמערקן. װעלכער דײַטש, װאָס ער האָט נישט ,קיין פֿילאָלאָגישע שטודיען, װייס אַז הערלין, פֿרעהלין, אַזױ שטאַמט פֿון „פֿראָה־גלײַך", „הערר־גלײַך"? אַז דאָס סופֿיקס „־ליך" איז אַמאָל געװען אַ װאָרט פֿאַר זיך? װעמ׳ פֿאַלט אײַן, אַז עמזיג איז גלײַך װי „אַמײַזענהאַפֿט", אַז איימער און צובער קמוען אַרויס פֿון דעם זעלבן װאָרצל? איימער איז פֿריער געװען „איין־בער" „צובער"=צװאָבער, צװיי־בער. „בער" (bare) איז טײַטש געװען „טראָגן", װי הײַנט נאָך אין פּלאַטדײַטשן און אין ענגלישן. בכן אַ כּלי װאָס מען טראָגט דאָס, מיט איין האַנט אָדער מיטביידע (צװיי) הענט. בײַשפּיל למשל זעט אויס װי ס׳זאָל שטאַמען פֿון „שפּיל", און דערװײַל איז דער שורש spele, שמועסן. פֿרעװעל האָט אַ פּנים פֿון אַ איינהייטלעך װאָרט, און דערװײַל איז עס צוזאַמענגעזעצט אויס „פֿער־עװעל". „עװעל" (איװל) איז נאָך הײַנט טײַטש אין ענגלישן שלעכט, בלינד.

ס׳לאָזט זיך ברענגען װערטער אָן אַ צאָל, װאָס דער הײַנטיקער דײַטש קען זיי שוין נישט מער פֿאַרדײַען. אַפֿילו די דײַטשע אָרטאָגראַפֿיע איז נישט פֿילאָלאָגיש ריכטיק. אויך דאָ איז אויפֿגעדריקט דער קאַראַקטער פֿון אַ מישׁשפּראַך. ס׳איז אין דער אָרטאָגראַפֿיע אַ װילד כאַאָס, אָן אַ טעם און אָן אַ געזעץ. פֿערטיג שרײַבט מען דײַטש מיט e, כאָטשע ס׳שטאַמט פֿון „פֿאַהרען", עלטערן, כאָטש דער װאָרצל איז „אַלט", בעהענדע, כאָטשע ס׳קומט אַרויס פֿון „האַנד" אַזױ.

אָבער נישט נאָר די איינצלנע ווערטער זענען ווי אין אַ תוהו=ובוהו. אַפילו אַלגעמיינערע ציגע, אַפילו דער דקדוק, די דאָזיקע אײַזערנע ריגעלן וואָס האַלטן צונויף דאָס כאַאָס פון ווערטער, זענען שטאַרק דורכגעזעצט מיט פרעמדע יסודות. פון פלעטע איז פלעטיסט, פון באַדען—באַדענזער, פון קאַנט—קאַנטיאַנער, פון פּיפּיג—פּפיפיקוס, פון שוידערן—שוידערעז, לויטער לאַטײַנישע פאָרמען. ווידער אין אַנדערע פאָרמען הערט מען דאָס עכאָ פון פראַנצייזישע אײַנפליסע. אַזוי האָט דער דײַטש פון יענער זײַט פון די וואָגעזן אַריבערגענומען אַלע פאָרמען אויף „=ירען“ ווי: דראַנגזאַלירען, שטאָלצירען, גאַסטירען, גלאַזירען, אאַז"וו, ווײַטער אַלע אויף „=ײַ“ ווי: פישערײַ, בעקערײַ, אויס=קונפטײַ אאַז"וו. ווײַטער אויף „=אַזש“ (age) ווי פאַסטאַזש אאַז"וו.

ס'וואָלט אויסגעקומען גאַנצע בייגן צו פילן, ווען איך זאָל ווען אויפ=ציילן די אַלע פאָרמען און פראַזן און רעדנסאַרטן, וואָס דער דײַטש פאַר=דאַנקט זיי גאָר צו פרעמדע. דאָס דײַטשע לשון, טראָץ דעם אויסענווייניג=דיקן אויסזען, איז אַ אַמאַלגאַמאַ. דער דײַטש האָט גאָר קיין שום רעכט זיך צו רימען מיט דער ריינקייט פון זײַן שפראַך. אמת, אַז אַנדערע אורשפרינג=לעכע לשונות פון קולטור=פעלקער זענען אויך נישט בעסער, ווען נישט ערגער, באַשטעלט, און אַלע זענען ביז אויף דעם גרונד זשאַרגאָניזירט; אָבער וואָס שטאָלצירט דער דײַטש, וואָס קוקט ער אויף אונדז מיט אויגן פון גאווה און וואַרפט אונדז פאָר, אַז דווקא אונדזער לשון איז אַ זשאַרגאָן, איז „דער זשאַרגאָן“? די וויסנשאַפט קען נישט קיין פּריווילעגיעס. קיין טאָפּלט מאָס איז נישט פאַרהאַנען. אָדער זענען אַלע שפראַכן, וואָס זיי פעלט די אור=שפרינגלעכע ריינקייט, זשאַרגאָנס, דעמאָלט איז אויך די דײַטשע שפראַך אַ זשאַרגאָן,—אָדער קיין איינציק איז נישט קיין זשאַרגאָן, און אונדזער יידיש איז אַ לשון ווי אַלע. גערעכט מוז מען זײַן.

די אַנטוויקלונג פאַרדאַרבט און פאַרמישט. לפי זה אַליין וואָלט דאָס יידיש שוין באַדאַרפט דאַרשטעלן אַ העכערע מדרגה אין דער אַנטוויקלונג. און דאָס איז נישט קיין פאַראַדאָקס. איך וועל פּרוון דאָס צו באַווײַזן.

דאָס פאַרהעלטניס פון דעם יידישן צום דײַטשן איז אַ סך מאָל אַנאַלאָג צו דעם פאַרהעלטניס פון די ראָמאַנישע שפראַכן צום לאַטײַניש. און אַזוי ווי די ראָמאַנישע שפראַכן זענען אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דעם לאַטײַנישן, שפּעציפיש צו די פעלקער וואָס האָבן דאָס לאַטײַנישע אָנגענומען, אַזוי איז אויך דאָס יידישע אַ יודאַיזירטע עוואָלוציע פון דעם דײַטשן לשון. דאָס יידישע נאָמען (שם דבר) קען נישט קיין דעקלינאַציע, אַחוץ בײַ ווערטער וואָס באַצייכנען אַ מענטש. דער ייד זאָגט: דער טיש, פון דעם טיש, דעם טיש, און „טיש“ בלײַבט טיש אָן אַ שינוי.

דאָס זעלבע גופא קאָנ'מיר זען בײַ די טעכטער=שפראַכן פון רוים. דאָס פראַנצייזישע, איטאַליענישע, שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע אאַז"וו האָבן נישט

קיין שום דעקלינאַציע. דער מאַנגל פון אַ דעקלינאַציע איז אַ אַנטוויקלונג. די רייכסטע פלעקסיע געפינט זיך ביי אַ אינדיאַניש שטאַם אין צפון־אַמעריקאַ (די אַלגאָנקינס), ווו אַפילו די פּרעפּאָזיציעס (יחס השם) און די אַדווערביען (תאר הפעל) זענען פלעקסירבאַר. דאָס שוואַך אַנטוויקלטע פאָלק פון די באַסקן האָט צוועלף פעלע ביי דעם נאָמען, די אוגראָפינישע פעלקער ביז צוואַנציק פעלע, דער סאַנסקריט אַכט (מיט דעם וואָקאַטיוו), דאָס סלאַווישע זיבן, דאָס לאַטייניש זעקס, דאָס גריכישע און דאָס אַלטהויכדייטשע פינעף, דאָס היינטיקע דייטשע פיר, דאָס אַראַבישע דריי, דאָס העברעיִש טיילווייז צוויי אאַז"וו. כסדר אַ פאַרמינדערעכץ.

בעסער נאָך קענען מיר דאָס זען, אַז דער פּראָגרעס פון דער קולטור מינדערט דאָס פלעקסירעכץ פון שפּראַכן, אַז אונדז וועל'מיר באַטראַכטן די היסטאָריע פון איינצלנע שפּראַכן. דאָס לאַטייניש האָט אין דעם פאָלקסלשון (lingua rustica) פאַרלוירן דעם געניטיוו, אין דעם אַלטפראַנצייזישן און אין דעם רומענישן האָט זיך די צאָל פון די פעלע אויף צוויי פאַרמינדערט. די היינטיקע ראָמאַנישע שפּראַכן (אַחוץ דעם רומענישן) האָבן שוין גאָרנישט קיין פעלע. דאָס אַלטגריכיש האָט פאַרלוירן אין דעם נייגריכיש דעם דאַטיוו. דאָס אַנגלזעקסיש האָט אין דעם ענגלישן אָנגעווירן אַלע פעלע ביז אויף דעם געניטיוו. דאָס נייפּערזישע האָט אויך נישט, אין געגנזאַץ צום אַלטפּערזישן, קיין דעקלינאַציע, אַפילו דאָס עספּעראַנטאָ וויל אָפּשאַפן אַלע פעלע אַחוץ דעם אַקוזאַטיוו.

די ראָמאַנישע לשונות זענען אַנאַליטיש. שטאָט ווי דער דייטש זאָגט סינטעטיש, *דאָס הימעלס־בלוי אָדער דאָס בלוי דעם הימעלס*, זאָגט דער פראַנצויז l'azur du ciel (du=de le), אַזוי אויך דער ייד: *דאָס בלוי פון דעם הימל, די גרעסע פון דער וועלט, די העלקייט פון דער זון, דאָס תקיפות פון דעם פריץ* אאַז"וו. דאָס דאָזיקע אַנאַליטישע עלעמענט איז אויך פאַר די דייטשע דיאַלעקטע כאַראַקטעריסטיש. דאָס יידישע האָט דאָס קאַראַקטעריסטיש בשותפות מיט דעם פראַנצויז, אַז ס'איז אין אים כמעט נישט מעגלעך צוזאַמענגעזעצטע ווערטער צו מאַכן (nomina composita).

הויכאַנטוויקלטע לשונות זענען נישט מדקדק צו מאַכן אַ חילוק צווישן *מינים*. די סעמיטישע לשונות, ווי די היינטיקע ראָמאַנישע, קענען נור צוויי מינים (זכר, נקבה), דאָס נעוטרום קענען זיי נישט. דאָס ענגלישע און דאָס פּערזישע האָבן נור איין מין, וואָס דינט פאַר ביידע געשלעכטער. די פעלקער וואָס האָבן זיך אַם פריסטן אויפגעכאַפּט צו קולטור, ווי די כינעזן, די סומעריער (וואָס האָבן געבליט פאַר די באַבילאָניער), די דראַווידאַס (וואָס זענען עלטער פון די סאַנסקריט־אינדער), האָבן אין זייערע אַגלוטינירנדע לשונות אין היסטאָרישע צייטן אויך נאָר איין איינציק מין. דאָס יידיש האָט צוואַר נאָך נישט פאַרמאָגט גאַנץ אָפּצושאַפן די געשלעכטער, די צייט איז נאָך גע־

ווען צו קורץ, עפּעס האָט ער שוין אין דער הינזיכט געטון. די פּאָסעסיוופּראָנאָמינאַ מאַכן נישט קיין חילוק צווישן די מינים. מען זאָגט מײַן טיש, מײַן שאַפע, מײַן הויז; דײַן טיש, דײַן שאַפע אאַז"וו. דאָס נומעראַלע „איין" איז אויך גלײַך אין דעם נישט אָנערקענען פון מינים: איין טיש, איין שאַפע, איין הויז. די נאָמינאַ וואָס האָבן אַ פלעקסיע דעקלינירן, אַז מיר וועלן אַוועקקוקן פון דעם אַרטיקל, גלײַך מענלעך ווי ווײַבלעך ווי זעכלעך: משה, משהס, משהן; חנה, חנהס, חנהן; דאָס יינגעלע, יינגעלעס, יינגעלען אאַז"וו.

ס'איז נאָך צו ווייניק צײַט ווי דער ייד שמועסט יידיש, אַז עס זאָל אים געווען קענען געלינגען דאָס פּרינציפּ דורכצופירן. דער דאָזיקער האַנג אָבער האָט באַווירקט, אַז דער ייד איז גאַנץ ווילקירלעך פאָרגעגאַנגען; ער האָט באַרנישט געקוקט, אין אַ וואָס פאַר אַ געשלעכט איז אַ וואָרט אין דײַטשן, און האָט נישט מדקדק געווען וואָס פאַר אַ אַרטיקל צו געבן. דער ייד זאָגט: דער (דאָס) שלאָס, דער (דאָס) דאַך, די (דער) באָרט, דער (דאָס) טויער, דער (דאָס) בוך, די (דער) צווייג, די (דאָס) שיף, די (דאָס) שווערט, דער (די) לאָמפּ, דער (די) לאָמטערן אאַז"וו—אַלץ פאַרקערט ווי אין דײַטשן. אין ליטוואַקישן דיאַלעקט איז מען בײַ דעם אַ סך קאָנסעקווענטער און מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס נעוטרום.

דער ייד האָט אַ טבע אויס דײַטשע אײַנפאַכע וואָקאַלע טאָפּלטע (דיפטאָנגע) צו מאַכן, ווי למשל „וואָס" רעדט דער ייד אויס וווּעס, „צאָל"—צוועל, „שאַלע"—שועל אאַז"וו. ענלעך גייט פאַר דער איטאַליענער, וואָס ער האָט פון buono—bonus געמאַכט, פון fuoro—forum אאַז"וו. ענלעכער נאָך און גענויער פאַרטאָפּלט די וואָקאַלע דער שפּאַניער: דאָס לאַטײַנישע novus למשל איז בײַ אים nuevo געוואָרן, ruedo—rota אאַז"וו.

טייל פאָנעטישע ציגע אין יידישן, וואָס מען האַלט זיי פאַר שטומפּיק און פאַר אַ אויספלוס פון פאַרדאָרבנקייט, פון פאַרגרעבטער פוילקייט, זענען נישט אַנדערש ווי אַ אַנטוויקלונג און קאָנסעקווענטע פאָרטזעצונג פון אמתדיקע דײַטשע געזעצע פון דער פאָנעטיק. דער ייד זאָגט אויף דעם אָרט פון „געלויפען" אײַגנטלעך גילאָפן, פון „געפאַלען"—גיפאַלן אאַז"וו. מען וואַרפט אַ סך מאָל דורכדעם פאָר, אַז דער ייד פאַרשלינגט כאַפנדיק ווערטער, אַז די הויפּט-מידה פונעם יידישן איז דאָס פאַסקו'ני אַקצענטויִרעכץ. דאָס כאַפנדיקע, דאָס שלעכטע אַקצענטויִרעכץ איז לויט דעם ריכטיקן אמת אַ גרונדצוג פון דער נײַהויכדײַטשער שפּראַך, וואָס אונטערשיידעט זי פון אירע פריערע אַנטוויקלונגס-שטאַדיען, און ס'איז גאָר נישט יידיש. אין מיטלהויכדײַטשן פלעגט מען צו זאָגן למשל: gilungan, vogal, siban, gigeban, דערויס האָט דער נײַהויכדײַטש געבילדעט gelungen, vogel, sieben, gegeben, איבעראַל דאָס לאַנגע, ברייטע „a" אויף אַ „e" פאַרקירצט, און ס'איז נישט מער געווען ווי אַ ווײַטערער, קאָנסעקווענטער שריט דאָס „e" גאַנץ צו פאַר-

טיליקן. דער ייד האָט פֿאַרשטאַנען דעם יסוד פון דעם לשון, און ער האָט געוווסט ריכטיק זײַן ערוואָרבן דיאַלעקט אויף דעם וועג פון פּראָגרעסיווער עוואָלוציע צו פירן.

III

דער ייד האָט אין דער ווײַטער פרעמד זיך אַ לשון אָנגעאייגנט. ער איז נישט געווען קיין שקלאַוו פון די דײַטשע יסודות. ער האָט דעם פרעמדן שטאָף פֿאַרדײַעט, אויסגעבויט, אַנטוויקלט, ביז ס'האָט זיך אַ נײַע יידישע סינטעזיס אַרויסקריסטאַליזירט. דאָס זעט מען אַם בעסטן נישט דאָרט ווו מען זעט אַ אַלגעמיינע רעגל פון עוואָלוציע, — אַ סך בעסער דאָרט, ווו די דײַטשע שפּראַך האָט חסרונות און דער ייד האָט זיי אויף אַ אייגן אופן אויסגעפילט.

אינעם דײַטשן איז נישט קיין חילוק בײַם פלוראַל (לשון רבים) צווישן דעם ערשטן און צווישן דעם דריטן פאַרשוין. מען זאָגט: „ווִיר געבען", „זִי געבען", און „געבען" ענדערט זיך נישט (דאָס אַלטהויכדײַטשע — געבאַמעס, געבאַנט, דאָס מיטעלהויכדײַטשע — געבען, געבענט). דאָס יידיש (וואָס שטיצט זיך נישט אויף עלטער דײַטש, ווי דער עולם קלערט, נאָר פאַרקערט אויף דעם נײַ=הויכדײַטשן) האָט אַ אייגענע פאָרם אײַנגעפירט. מען זאָגט אונדז גיב'מיר און זיי גיבן; אַזוי: אונדז לויפ'מיר, אונדז ריַיט'מיר, אונדז שרײַב'מיר, אונדז גלייב'מיר אַאַז"וו.

דער דײַטש קען נישט קיין צווישנשייד צווישן דעם צווייטן פאַרשוין פלוראַל (לשון רבים) און דעם פלוראַל בײַ דעם אימפּעראַטיוו (צווי): „איר שרײַבעט"—„שרײַבעט", „איר קויפעט"—„קויפעט". דער ייד גיבט צו אַ „ס" בײַ דעם אימפּעראַטיוו און זאָגט עץ שרײַבט און שרײַבטס, עץ קויפט און קויפטס אאַז"וו.

אַ ענלעכע דיפערענציאַציע זע'מיר בײַ דעם וואָרט „ווירד". דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אין דײַטשן אַ טאָפּלטע טײַטש. איינמאָל באַדײַטעט „ווירד" אין דעם זין פון געשען, למשל: „איך ווערדע פריסטער" (fio sacerdos), און איינמאָל ווידער אין דעם זין, אַז ס'וועט זײַן, למשל: „איך ווערדע פריסטער זײַן" (ero sacerdos). דער ייד זאָגט איינמאָל „איך ווער (ווֶעיער) פּריסטער" און קאָניוגירט איך ווער (וועיער), דו ווערסט (וועיערסט), ער ווערט (וועיערט), אונדז ווער (וועיער) מיר, עץ ווערט (וועיערט), זיי ווערן (וועיִן); דאָס אַנדערע מאָל זאָגט דער ייד: „איך וועל פּריסטער זײַן" און קאָניוגירט: איך וועל זײַן, דו וועסט, ער וועט, אונדז וועל'מיר, עץ וועט, זיי וועלן זײַן.

דער דײַטש זאָגט איר דרײַפאַך. איינמאָל ווען ער וויל זאָגן פעמינין (לשון נקבה) בײַ פּאָסעסיוו=פּראָנאָמינאַ: „דאָס הויז פון חווה—איר הויז".

אַ אַנדער מאָל, ווען ער וויל זאָגן פּלוראַל בײַ די זעלבע פּראָנאָמינאַ אויף דריטע פּאַרשוינען: „דאָס הויז פון די סוחרים"—„איר הויז". אויסערדעם, אַז דער דײַטש וויל זאָגן פּלוראַל (לשון רבים) אין דעם צווייטן פּאַרשוין בײַ פּערזאָנאַל־פּראָנאָמינאַ, באַניצט ער אויך דאָס וואָרט „איר": „ויר, איר, זי". דער ייד זאָגט אין דעם ערשטן פאַל גלײַך ווי דער דײַטש „איר הויז". אין צווייטן פאַל האָט דער ייד זעלבשטענדיק אויס דעם פּלוראַל „זיי" געמאַכט „זייער": „זייער הויז". אין דריטן פאַל זאָגט דער ייד „עך".

נישט תמיד איז דער ייד אויסן געווען אויף חילוקים. דאָרט ווו דער דײַטש האָט געמאַכט איבערפליסיקע חילוקים איז דער ייד פאָרגעגאַנגען סינ־טעטיש און ער האָט פאַראייַנהייטלעכט. דער דײַטש קאָניוגירט נישט־רעגל־מעסיק „איך ווייס" און „ויר ויסען", „איך דאַרף—ויר דירפען", „איך מאַג—ויר מעגען" אאַז"וו. דער ייד זאָגט גלייך: איך ווייס—אונדז ווייס'מיר, איך דאַרף—אונדז דאַרפ'מיר, איך מעג—אונדז מעג'מיר.

די דײַטשע הילפסצײַטווערטער (אויקסיליאַרע ווערבן) זעען ווונדערלעך אויס: „ויר זינד, איר זײַד, זי זינד". וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג פאַרבינדט זיי? דער ייד האָט גענומען דאָס ווערב (פּעל) „זײַן" און ער האָט פון זיך געבילדעט: „אונדז זײַנ'מיר (זענ'מיר), עץ זײַנ־ט (זענט), זיי זײַנ־ען (זענען), אַזוי ווי פון „קוקן": „אונדז קוק'מיר, עץ קוקט, זיי קוקן".

די דײַטשע אַדווערביען האָבן אַ פאַרקערט פּנים: וואָפיר, וואָצו, וואַרום אאַז"וו. דער ייד זאָגט נאַטירלעכער: פאַר וואָס, צו וואָס אאַז"וו.

שטאַרק און מיט שכל האָט דער ייד דורכגענומען די פון גערמאַניען צוגעקומענע עלעמענטע. איבעראַל האָט דער ייד מיט זײַן קלאָרן פאַרשטאַנד געווירקט, געמאַכט אָרדנונג, העלקייט פאַרשפּרייט. די קאָנסעקווענץ, מיט וועלכער דער ייד האָט זײַנע נײַערונגען מיט דער שפּראַך פאַראייניקט, איז זייער אינטערעסאַנט און וואַרפט ליכט אויף דער קראַפט פון דער סינטעזיס. ענלעך ווי אין סלאַווישע לשונות, האָט דער ייד אײַנגעפירט דעם דעמינוטיוו (אימעינוטיוו) פאַר אַלע זאַכן פון דעם טעגלעכן געברויך, למשל: דאָס ביכל, דאָס פלעשל, דאָס זייגערל, דאָס גלעזל אאַז"וו. די ענדונג פון „־ל" פאַר פאַרקלענערונג עקסיסטירט אין טייל דײַטשע דיאַלעקטע, אָבער זיי זענען אין קיינעם איינציקן אַזוי ווײַט פאַרברייטערט ווי אין יידישן.

דאָס יידישע האָט דורך זײַן אייגנאַרטיק דעמינוטיוו אַ פאַרברייטעטע פאָרם אויף „־ל" דערהאַלטן, וואָס זײַן מין איז נעוטרום. דאָס יידישע האָט אָבער קיין האַלבקייטן נישט געקענט. אַלע דײַטשע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך פשוט צופעליק אויף „־ל", אין וועלכן געשלעכט זיי מעגן זײַן, האָט דער ייד פאַראיינהייטלעכט מיט דער דעמינוטיוו־פאָרם און געמאַכט פאַר נעוטרום, ווי למשל: דאָס (דער) צעטל, דאָס (די) זעמל, דאָס (דער) דעקל, דאָס (דער) וועקסל, דאָס (דער) אַרטיקל אאַז"וו.

דער ייד איז נישט געווען קיין דאָרשטיקע גאָמבקע, וואָס זאַפּט אין

זיך אײַן אָן כּוח אַלעס וואָס איז דערנעבן. דער ייד איז געוועזן אַ פּריץ אי־בער דאָס פרעמדע מאַטעריאַל, אַפילו דער פרעמדער פּשוטער סענס (זין) פון די ווערטער האָט זיך נישט דערהאַלטן. זייער אַ סך מאָל איז דאָס דײַטשע וואָרט געווען פאַר דעם ייד אַ ליידיק געקלינגל, וואָס מען קען אין אים אַרײַנברענגען וואָס פאַר אַ טײַטש ס׳איז אָנגעמעסענער פאַר דעם יידישן שפּראַכגײַסט.

איך וועל אַ פּאָר בײַשפּילע ברענגען פון זאָלכע ווערטער, וואָס האָבן איבערגעביטן דעם טײַטש. אײדל באַדײַט אויף דײַטש „מיוחסדיק", אויף יידיש „דעליקאַטנע", „צאַרט"; נאָגן, דײַטש „גריזשען", יידיש „זייגן", „ציצקען"; שמעקן (געשמאַק האָבן), יידיש „ריכן"; פאַרזוכן (פּראָבירן), יידיש „קאָסטן", „טועם זײַן"; בייז (שלעכט), יידיש „בעל־כּעס"; קלערן (קלאָר מאַכן), יידיש „דענקען"; זעצן (נידערזעצן), יידיש „פלאַנצן"; הויל (ליידיק, פּרוזשנע), יידיש „נאַקעט"; מעגן (קאָנען, אימשטאַנד זײַן), יידיש „מותּר זײַן", באַהאַלטן (עפּעס מעסט האַלטן), יידיש „פערבערגן"; מילד (אַ גוט האַרץ האָבן), יידיש „פרײַגעביק"; אאַז"וו אאַז"וו.

דאָס יידיש איז אַ אײנהייטלעך קריסטאַליזירט לשון, מיט אַ שטאַרקער אינעווייניקער קאָנסאָלידאַציע און מיט אַ קרעפטיקער אויסנווייניקער פאַרבעטונג. די קעגנערס פון דעם יידישן, אַז זיי ווילן ווײַזן אַז יידיש איז נאָר אַ פאַרמישטער זשאַרגאָן, ברענגען זיי ראַיות, אַז אויף אַ סך באַגריפע זענען דאָ איבערפליסיקע סינאָנימע פון פאַרשידענע לשונות, אַז דער ייד, ווו ער איז געווען, האָט ער געכאַפּט ווערטער אָן אַ באַדאַרף, און זײַן לשון איז דורכדעם נאָר אַ כאַאָטיש צוזאַמענקלעבעכץ.

למשל, מאַכן זיי חוזק, דער ייד זאָגט: חושך און טעמני און פינצטער אויף איין און דער זעלבער זאַך. צום ערשטן דעקן זיך נישט די דרײַ ווערטער, ס׳זענען דאָ פײַנע חילוקים צווישן זיי. פינצטער איז אַ פיזישע באַצייכנונג, אַז ס׳לײַכט נישט די זון און ס׳איז טונקל. חושך האָט אין יידישן נאָר אַ איבערטראָגענעם טײַטש, אַז ס׳איז טרויעריק און שלעכט. טעמני איז די זעלבע מעטאַפאָרע, נאָר שטאַרקער, אַז ס׳איז גאָר שלעכט.

נישט קיין צוזאַמענקלעבעכץ, נאָר סובטילע פײַנקייטן און קלאָרע אָרדנונג זע׳מיר פאַר אונדז.

און צווייטנס, אַפילו מען זאָל נישט קאָנען באַווײַזן דעם איידעלן שפּראַכלעכן אינסטינקט ווי די יידן האָבן אים באַוזעסן, איז אויך נאָך גאָר נישט קיין ראַיה פאַר דעם בוי פון דעם לשון.

יעדעס לשון וואָס האָט אַ סך דיאַלעקטע אָדער ס׳איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון אַ סך קולטורן גייט איבער פון נישט־נייטיקע סינאָנימע. למשל אין דײַטשן האָט סמעטענע פיר אויסדריקע, וואָס ס׳איז צווישן זיי גאָר נישט קיין חילוק: „ראַהם" וואָס איז הויכדײַטש, „אָבערס", וואָס איז פון דעם מזרח־דײַטשן, „סמעטען" וואָס איז גענומען פון דעם סלאַווישן, „קרעם־

וואָס איז אַ פראַנצייזיש וואָרט. אַ פּאַרטייטשער קען ווערן גערופן: אײַ־בערזעצער, דאָלמעטש (סלאַוויש), דראַגאָמאַן (טערקיש). אַ קוימען הייסט „רויכפאַנג", „קאַמין" (לאַטייניש) „שאָרנשטיין" (האַלב סלאַוויש) אאַז״וו.

אַקעגן דער שפּראַכלעכער זעלבשטענדיקייט פון דעם יידישן וואָרט פאָרגעוואָרפן, אַז פאַר אַ גאַנצער שרעגע פון זאַכן פעלן ווערטער און דער ייד מוז זיי הײַנט נעמען פון די פעלקער וואָס רינגלען אים אַרום. אַ לשון וואָס איז אָנגעוויזן אויף פרעמדע לשונות תמיד, זאָגן זיי, קען קיינמאָל קיין אמתדיק לשון נישט ווערן, בלײַבט תמיד אַ מיש־שפּראַך, אַ זשאַרגאָן. אַז דער ייד וויל רופן אַ בוים, רופט ער ווי די הײַנטיקע פּאָליאַקן (סאָסנע, יאָדלע, אָלכע אאַז״וו); אַז ער וויל האָבן נעמען פאַר בעלי־מלאָכות, מוז ער נעמען פּוילישע אויסדריקע (סטאָליער, צעשלע, קאָוואַל אאַז״וו).

ס׳איז ליידער אמת. אָבער דאָס איז אַ ווײַט פאַרברייטעטע ערשײַנונג, אַז אַ פאָלק וואָס טרעפט זיך צוזאַמען מיט ענינים, וואָס ס׳האָט פריער נישט געקענט, נעמט איבער מיט די דאָזיקע נײַע ענינים אויך די נעמען וואָס זיי האָבן אין דער פרעמד. דער דײַטש האָט די גרונדלאַגע פון זײַן קולטור אין דער פרעמד גענומען, בכן ווערט אין זײַן שפּראַך די גאַנצע גייסטיקע און טעכנישע קולטור בלויז מיט פרעמדע ווערטער אויסגעדריקט. פון דער פּראָס־טער אײַנריכטונג פון דער היים (טיש, פענסטער, פּפאָסטן, קיכע אאַז״וו) ביז צו דער בילדונג (שולע, בוך, בריף, דיכטער, שרײַבן, שטודירען אאַז״וו), ביז צו דער ממשלה דער געאָרדנעטער (קייזער, רײַך, אַמט, אָרדנונג, בעצירק, גרענצע, מיליטער, אָפיציר, זאָלדאַט, קאַזערנע אאַז״וו) זענען לויטער ווערטער, וואָס זענען געקומען פון דעם אויסלאַנד.

אויך הײַנט קען מען ווײַזן, ווי פאַר גאַנצע קאַטעגאָריען קומען לויטער פרעמדע ווערטער אַרײַן. דער שפּאָרט האָט איבעראַל לויטער ענגלישע אויס־דריקע, די מאָדע און די קיך פראַנצייזישע, דאָס רעכט לאַטײַנישע, די מע־דיצין און זאָגנסט די וויסנשאַפט צומייסט גריכישע.

זיך אָנלענען אויף נישט־אייגענע לשונות בײַם איבערנעמען פון נישט־היימישע זאַכן איז גאָר נישט קיין עוולה. די אונגאַרן האָבן פאַר דאָס האַנט־ווערק און דעם גאָרטנבוי לויטער פרעמדע ווערטער, ווײַל זיי האָבן פריער קיין גערטנער און קיין וואַרשטאַט נישט געקענט, איידער זיי זענען צוזאַמען־געקומען מיט די פעלקער וואָס האָבן אויף זיי דעם דאָזיקן שפּראַכלעכן אײַנפלוס אויסגעאיבט. אַזוי האָבן די פראַנצויזן פאַר מיליטערישע און יעגע־רישע ענינים ס׳רוב אַראַבישע ווערטער.

פרעמדווערטער שטאַמען כמעט תמיד פון דעם, אַז אַ פרעמדשפּראַכיקע קולטור ברענגט נײַע, פריער נישט־באַקאַנטע זאַכן. אַ פּוילישער געלערנטער אַלעקסאַנדער בריקנער האָט אַמאָל געפּרווט די גאַנצע היסטאָריע פון דער פּוילישער קולטור לויט די פרעמדע ווערטער אויפצובויען, און ער האָט גע־האַט נישט קיין שלעכטן סוקצעס (ערפאָלג).

נישט פאַרדעם ווײַל דאָס יידישע איז אַ נישט זעלבשטענדיק, נישט קיין אַנטוויקלט לשון מוז דער ייד זיך פאַר געוויסע קאַטעגאָריען ווערטער לײַען. נאָר פאַרדעם ווײַל דער ייד אין גלות האָט געפירט אַ איינזײַטיק לעבן, האָט ער פאַר געוויסע ענינים, ווי האַנטווערק און וואַלד, וועלכע זענען פון זײַנעטוועגן גלײַכגילטיק געווען, גאָר נישט קיין פּלאַץ איבערגעלאָזט אין זײַן אַחוץ דעם דורכגעאַרבעטן און אויסגעבויטן לשון. נישט קיין פאַרפאַל און קיין פאַרפוילטקייט איז חייב דאַראָן, נאָר דאָס ענגקייט פון דעם געטאָ.

IV

— נו, ווער עמעצער זאָגן, אַ לשון וואָס איז געבוירן אין דעם ענגן געטאָ, וואָס האָט אין זיך אַרײַנגעזאַפּעט די שטיקעדיקע לופט פון די פאַרשימלטע קעלערס אין די קליינע יידישע געסלעך, איז אַ לשון וואָס ס׳איז זיך נישט ווערט מיט אים מטפל צו זײַן. וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָ אין אַ לשון, וועט מען אײַנווענדן, פון וועלכן די וויג איז נישט געשטאַנען אין וועלדער און פעלדער אין דער ברייטער פרײַקייט און דער אָטעם פון די לאָנקעס האָט זי נישט דערפרישט, נישט דורכוויאַיעט מיט ריח פון רויזן און טשאַטשקעלעך, ליליען און פיאָלקעס, נישט דורכגעקלונגען מיט זיסע מעלאָדיען פון פייגעלעך:

עלנט און צער, אויסגווייגענדיקע פאַרשקלאַווונג און דערנידריקונג, שמערץ און קוואַל מאַכן נאָך נישט קיין לשון הויל און נידריק און אינעווייניק ענג. אויס דעם גליענדיקן קעסל פון צרות גייען שטאַרקע מענטשן אַרויס, געלײַטערט ווי אײַזן, קלאָרער, ריינער, פעסטער. די געפּײַניקטע נשמה, אַז זי איז גרויס, שרײַט אויס זאָלכע טיפענישן, אויס אַזוינע פאַרבאָרגענע אָפּגרונדן, פון וועלכע ס׳חלומט זיך נישט דעם מפונק וואָס ער לויפט נאָך פינקלדיקע מאָטילעס, וואָס ער יאָגט נאָך לײַכטיקע ווערמלעך, וואָס ער שוועבט אין הוילן גלאַנץ און אין ליידיקן פליטער.

די ענגע באַדריקונג פון דעם געטאָ האָט נאָך געשטײַגערט און קאָנצענטרירט אונדזערע כוחות.

די פוילישע ליטעראַטור פון דעם נײַנצענטן יאָרהונדערט, די בליט פון דעם פוילישן גייסט, איינע פון די הערלעכסטע רויזן אין גאָרטן פון דער אייראָפּעיִשער פּאָעזיע, איז אַ קינד פון צער, פון קאַטאָרגע, פון ענגע קאָזשניעס. דער שענסטע טייל פון דעם פוילישן גייסט איז אַ קלאָג־געשריי אַקעגן טיראַנײַ, איז אַ זייפצער געוואַלטיק טיף, איז אַ סימפאָניע פון יעמערלעכע קריצן פון אַ דערדריקטן און געקאָפּעטן. און איז די דאָזיקע ליטעראַטור פון ליידן נישט קיין גרויסע ליטעראַטור? איז דאָס דער שכר, אַז נישט געניג מען לײַדט יסורים און מען איבערדויערט דאָס באַרבאַרישע גיהנם, אַז מען זאָל דערצו הערן: די יסורים האָבן דײַן אײַזערנע נשמה פאַרזשאַווערט, דײַנע זעלישע כוחות גענומען?

אויס פאַרשימלטע קעלערס און טונקעלע אוליצעס קען מען אויך זשע-

ניאַל שרײַען, קען מען אויך מיט טאַלענט זײַנע כּוחות זאַמלען און שטיל און פֿאַרבאָרגן שפּיגען דאָס שענסטע געוועב. ליטעראַטור פֿון צער, פֿון פֿײַנענדיקער פֿאַרמאַכטקייט אין אַ שמאָלער אַטמאָספֿערע פֿון שטעטלעך, איז נאָך נישט קיין פּחיתת־הכּבוד. קאָנצענטרירט גאַז האָט אין זיך ענערגיע פֿון ווולקאַנען.

שטאָט־לעבן מאַכט נישט טויט און קיין לשון פֿאַרשרומפּן. דער גרעסטער בוקאָלישער דיכטער פֿון דעם אַלטערטום איז געבוירן אין סיראַקוז, געטע איז אַ קינד פֿון דעם יידישן פֿראַנקפֿורט, דאַנטעס וויג איז אין פֿלאָרענץ געשטאַנען. די גרעסטע פּאָעטן זענען, אין געגנטייל, געבוירן אין דער שטיקעדיקער לופֿט פֿון די שטעט, און זייער פֿרישקייט און נאַטירלעכקייט האָט גאָר דאַדורך נישט געליטן.

— דאָס יידישע פֿאָלק לעבט אָבער כּמעט אינגאַנצן אין שטעט, הערט מען טענהן, און לויט דעם זאָל עס בעסער פֿאַר זיך שוין אָרעם, נישט פּעיִק פֿאַר נאַטור־בילדער, פֿאַר שילדערונג פֿון לאַנדשאַפֿטן.

דעם פֿאָרוואָרף קען מען פּשוט ווידערלייגן דאַדורך, אַז די יידישע ליטעראַטור אַנטהאַלט אין זיך הײַנט אַ סך באַשרײַבונגען פֿון נאַטור, און דער חסרון איז מער אַ אײַנגעבילדעטער, און ווען ער איז אַפֿילו אַמאָל געווען, האָט זיך שוין דער חסרון אויסגעפּילט.

ווען מען זאָל אַפֿילו פֿון דעם וועלן אַבסטראַהירן, איז דער חסרון פֿון נאַטור־בילדער נאָך גאָרנישט קיין ראַיה. נאַטור־בילדער זענען גאָר נישט קיין תּנאַי פֿאַר שיינקייט און נאַטירלעכקייט פֿון אַ לשון. די קלאַסישע ליטעראַטור פֿון די ריימער און פֿון די גריכן קען זיך נישט רימען מיט קיין איינציק וואָרט, וואָס זאָל שילדערן די הערלעכקייט פֿון דער נאַטור. האָמער געפֿינט פֿאַר נייטיק אויסצומאָלן אויף גאַנצע זײַטן די ריסטונג פֿון זײַנע העלדן, און פֿאַר דער אייביקער וויאָסנע פֿון דעם העלענישן הימל האָט ער נישט קיין וואָרט. צעזאַר האָט באַשריבן די גאַלישע מלחמה וואָס ער האָט אין די אַלפּן געפֿירט, און ס׳פֿאַלט אים קיין איינציק מאָל נישט אײַן צו דערציילן איבער דער פּראַכט פֿון די גלעטשער, איבער דער געוואַלדיקער מאַיעסטעט פֿון די בערג. אַלעקסאַנדער הומבאָלדט אין זײַן ווערק „קאָסמאָס" וואָלט געקאָנט דערי־בער באַלערן יעדן, וואָס ער איז פֿאַרבלענדט דורך דער הײַנטיקער ליטעראַטור־שטרעמונג און גלייבט, אַז וואָס הײַנט איז מאָדע, איז דאָס אַ אַבזאָלוטער תּנאַי.

— יאָ, נישט נאָר די נאַטור פֿעלט, עס פֿעלט דאָך אויך ליבע און פֿרייד!

אַזוי ווייניק ווי עס פֿעלט הײַנט אין דער יידישער ליטעראַטור נאַטור, פֿעלט אויך ליבע. ליבע איז אַ געפֿיל וואָס האָט תּמיד עקזיסטירט, כאָטשע די יידישע קאָנווענץ־חתונות האָבן צו דער ליבע קיין ממשלה געגעבן. חתונות אויס ליבע האָט נישט געקענט דער אַלטער גריך אַזוי ווייניק ווי דער הײַנטיקער יאַפּאַנער. ס׳איז געווען צײַטן, ווו אַפֿילו אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן זענען אַזוי געוואָרן פֿאַרפֿאַלמעצט דורך די קלויסטערס, אַז אויך אויס זיי איז אַרויסגעפֿלויגן די ליבע. צעזען, אַ דײַטשער שרײַבער אין זיבעצטן יאָר־

הונדערט, שרײַבט, אַז ער איז דער ערשטער דײַטשער פּאָעט, וואָס ער שרײַבט ליבעס-געשיכטן (די „מינע" האָט מען שוין דאַמאָלס געהאַט פאַרגעסן).

אָן ליבע מוז אַ ליטעראַטור דענאָך נישט פאַרדאַרט ווערן. ס'איז נישט קיין צוואַנג אַמאָר קרבנות צו ברענגען און מיט באַקכוס אַ טענצל צו פירן. ליטעראַטור, אַז זי איז אמתדיק, מוז זי די ציטערנישן פון דער נשמה מאָלן, מוז פאַרכּישופן די כוואַליעס פון דעם האַרץ אין ווערטער, און אַז אונדזער פאָלק זאָל נאָר זײַן לײַדנדיקע נשמה ווידערגעבן, נאָר אויף ציפערסן זײַן פידעלע אָנלענען און אויס די סטרונעס שלאָגן טיפע, שמערצלעכע, עלעגישע אַקאָרדן, וואָלט דאָס שוין געווען אַ גענוג גרויסע ליטעראַטור.

און דענאָך, כאָטשע קיין שטראַל פון פרייד דערלײַכט נישט אויף דעם פאַרכמאַרעטן הימל פון דעם יידישן פאָלק, אינדיווידועלע פריידן פעלן נישט. און ליבע ווי ליבעס-שילדערונגען ווי ליבעס-פּאָעזיע איז גענוג פאַרברייטעט אין דער הײַנטיקער צײַט בײַ דעם יידישן פאָלק.

— יידיש, אַ פּראָדוקט פון שטעטלעך, מאַנגלט דער געזונטער צוזאַמענ-האַנג מיט דער נאַטור, וואָס איז אייגן די נאָרמאַלע לשונות; ס'איז אַ פּאַס-קו'ני מיאוס לשון, הערן מיר אַ פרישׁ תּרעומות.

דער חסרון פון דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַטור באַווײַזט זיך נישט ערגעץ אַנדערש אינערלעך. פאַר וואָס זאָל ער זיך באַווײַזן גאָר בײַ דער אויסגווייִנענדיקער פאָרם פון דעם לשון? דאָס שטומפּיקע אין יידישן, וואָס מען האַלט עס געוויינלעך פאַר אַ אייגנטימלעכער יידישער העסלעכקייט, האָב איך שוין אויבן באַוויזן, איז נישט יידיש. אין וואָס אויסערט זיך ווידער דאָס פּאַסקו'ניקייט? איז דאָס נישט קיין אַנטיסעמיטיש פאָראורטייל, וואָס מען האָט אים אונדז סוגערירט? איבערהויפּט איז דער פאָרוואורף פון העסלעכקייט לע-כערלעך און קינדיש, אַ סוביעקטיוו אורטייל, וואָס לאָזט נאָך גאָרנישט שליסן. אַז איינער איז נישט קיין אַדאָניס, איז ער נישט קיין מענטש? ווי קומט אַ געשמאַק-זאַך צו אַ אָביעקטיוו אורטייל? סאָקראַטעס, עזאָפּ, מענדעלסאָן, ווינדהאָרסט אאַז"וו זענען געווען קליינע פּאַסקו'נע מענטשלעך, און וואָס באַ-ווײַזט דאָס קעגן זיי? דאָס ענגלישע איז לויט דער אַלגעמיינער מיינונג פון אייראָפּאַ אַ העסלעך לשון, און דענאָך — האָט דאָס געשטערט, אַז שעקספּיר, מילטאָן, בײַראָן, שעללי אאַז"וו זאָלן אין דעם לשון זייערע מײַסטער-ווערק זינגען?

איבענווייניקער ווערט און אויסגווייניקער קלאַנג זענען פאַרשידענע ענינים. דאָס דײַטשע אַליין, דאָס לשון וואָס מען האַלט עס קעגן יידיש אַלס אַ מוסטער פון שיינקייט, האָט נישט פון אייביק אויף דאָס פּריווילעג פון שיינקייט. יוליאַן אַפּאָסטאַטאַ, דער פײַנגעבילדעטער רוימישער קייזער, דער-ציילט, אַז ער האָט געהערט אויף דעם ריין זינגען דײַטשן, זענען אים זייערע לידער פאָרגעקומען ווי דאָס געקרעכץ פון שרײַענדיקע רויבפייגל. די דײַטשע הומאַניסטן אַליין האָבן זייער מאַמע-לשון פאַר רוי און באַרבאַריש געהאַלטן

און זיך געשעמט אין אים צו שרײַבן. מען האָט באַדאַרפט פרעגן דעם גרויסן קיניג פון די פּרײַסן פרידריך דעם צווייטן, וואָס ער האָט נאָר פראַנצייזיש געוואָלט ליינען און שרײַבן, וואָס ער האָט געהאַלטן פון דעם שטאָלצן יונג־קערדײַטשן. אויך די ראָמאַנישע פעלקער האָבן נישט קיין באַזונדערס הויכע מיינונג פון דעם דײַטשן.

— דאָס יידיש איז אָבער נישט־נאַטירלעך פּאַסקו׳ני, הערט מען טיילמאָל זאָגן: עמעצער וואָס ער שמועסט יידיש פון יוגנט אויף קומט אים אָן שווער, אַז ער זאָל ריין שמועסן אַ מאָדערן לשון.

אמת בײַ די מייסטע מענטשן. אָבער דאָס איז דווקא נישט בײַ עמעצן וואָס ער שמועסט נאָר יידיש. בײַ יעדן פאָלק און בײַ יעדן לשון קען מען דאָס זאָגן. אַ דײַטש זאָל קענען שמועסן פּויליש, וואָלט ער באַדאַרפט אויס־נוצן זכות־אָבות, ער קאָן גאָרנישט די קלענגע משיג זײַן. ווער דערמאָנט זיך נישט די דערבע וויצלעך פון היינע אין דעם „הערן פאָן שנאַבעלעוואָפּסקי" איבער דער אויסשפּראַך פון פּוילישע ווערטער. ווי דער דײַטש רעדט פראַנ־צייזיש, האָט מען שוין גענוג אויסגעלאַכט. פאַר אַ פּאָר צענדליגער יאָרן איז אין עסטרײַך געווען אַ מיניסטעריום, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז באַשטאַנען אויס סלאַוון. דער דײַטש האָט דאָס מיניסטעריום גערופן „דאָס אונאויסשפּרעכליכע", אַזוי קומט אים אָן שווער אַ פרעמד וואָרט אויסצורעדן. „בעהמישע דערפער" רופט מען אויף דײַטש אַ וואָרט וואָס מען קאָן נישט אַרויסזאָגן. אַ ביימיש דאָרף מיט זײַן סלאַווישן נאָמען איז אַ נוס וואָס איז נישט צו צעקנאַקן פאַר אַ דײַטש.

און נישט בײַ זאָלכע גרויסע חילוקים ווי צווישן דײַטש און ראָמאַנישע אָדער סלאַווישע שפּראַכגרופּן זע׳מיר אונדז די דאָזיקע שווערקייט; מען קאָן עס זען אויך בײַ דער זעלבער שפּראַכגרופּע. טשעכאָוו, דער רוס, דערציילט אין זײַן „זעקסטן פּאַווילאָן" איבער אַ פּאָליאַק, וואָס זײַן נאָמען איז שווער אַרויסצורעדן. דאָס וואָס דער ייד שמועסט געווינלעך נישט ריין פרעמדע לשונות איז אַן אַלגעמיין מענטשלעכער פעלער, וואָרן פרעמדע פאָנעטישע חילוקים און פײַנקייטן איז נישט קיין לײַכטע זאַך זיך אָנצואייגנען. אַזוי ווי דעם ייד קומט אָן שווער גויִיש גוט צו רעדן, אַזוי נאָך שווערער קומט אָן אַ גוי יידיש צו רעדן. יידיש רעדן ווי אַ גוי, ווי אַ „גר", הייסט זייער שלעכט און גראָב יידיש שמועסן.

די העברעיִסטן וואָלט איך געוואָלט דערמאַנען, אַז עמעצן, וואָס זײַן מאַמע־לשון איז אַ סעמיטישע שפּראַך, קומט נאָך אָן אַ סך שווערער אַ אייראָפּעיִש לשון גוט צו רעדן. דאָס שפּראַכסיסטעם וואָס איז גאַנץ משונה, די אייגנאַרטיקע וואָקאַלע, בפרט די גוטוראַלן, בויערן אַ טיפן אָפּגרונד צווישן שם און יפת. יאָזעפוס פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו הכהן), וואָס ער איז געווען אַ טיכטיקער גריכישער שרײַבער, איז אַליין מודה אין דעם לעצטן בוך פון

זײַנע אַלטערטימלעכקײַטן, אַז ער קען נישט רײן גריכיש שמועסן. די גערשעטע אַראַמעיִשע פּאָנעטיק האָט אים זאַפּאָרעס אין וועג געלייגט.

דאָס יידיש איז אַ נאַטירלעך לשון, דאָס יידיש איז אונדזער לשון מיט אַ דײַטלעכן סטעמפּל פון אונדזער גײַסט. וואָס שאַט דאָס אונדז, אַז עטימאָלאָגיש קערן $3/4$ פון דעם יידישן צו דעם דײַטשן שטאַם. דער גערמאַנישער ענגלענדער באַדינט זיך אין דעם געוויינלעכן לשון מיט 30 פּראָצענט ווערטער, וואָס זענען געקומען פון יענער זײַט פון דעם קאַנאַל. זײַן ווערטערבוך האָט 70 פּראָצענט ווערטער, וואָס לאָזן זיך צוריקפירן אויף די קלאַסישע לשונות. דער אַלבאַניער האָט אין זײַן לשון 45 פּראָצענט ווערטער פון דער פרעמד. דאָס הינדוסטאַני (אורדו) ווי דאָס טערקישע (אָסמאַנלי) האָבן אַ גרויסן חלק פון זייערע ווערטער פון דעם אַראַבישן און פּערזישן. דאָס יאַפּאַנישע האָט אין זײַן ווערטערבוך אויפגענומען כמעט דעם גאַנצן אוצר פון די כינעזישע ווערטער, דאָס מיטלאַלטערלעכע פּערזיש (הוזוואַרעש) האָט באַשטאַנען ס'רוב אויס אַראַמעיִשע ווערטער מיט בלויז פּערזישע ענדונגען.

וואָס גייט עמעצן אָן דאָס מאַטעריאַל דאָס טויטע, פון וואַנען ס'איז? נישט דאָס ליידיקע געקלינגל פון ווערטער מאַכט אַ לשון, נאָר דער גייסט וואָס באַלעבט עס. נישט דער רויער שטאָף שפּילט בײַ אַ לשון אַ ראָלע. ראַסע, נאַציאָנאַליטעט ליגט נישט אין דער פּשוטער שאָל. אַלץ וואָס באַשטימט אַ ראַסע, אַ פאָלק, בכן די פאַרב פון דער הויט, דער בוי פון דעם גוף, דער קאַראַקטער, די נשמה פאַרערבט זיך, מוז זיך פאַרערבן; לשון קען אויך געוועקסלט ווערן. דער פראַנצויז וואָס ער איז אַזוי קערפּערלעך ווי אויך אין גייסט, קאַראַקטער, זעלישער אייגנשאַפט נישט מחולק קיין סך פון זײַנע יידעס די קעלטן, האָט כמעט אַלע ווערטער געוועקסלט מיט דעם לאַטײַנישן. האָט ער דאַדורך אויפגעהערט אַ פראַנצויז צו זײַן, איז ער דאַדורך אַ ריימער געוואָרן? דאָס נאַציאָנאַלע וועזן ליגט נישט אין די הוילע ווערטער, דאָס דריקט זיך אויס אין דער אינעוויינענדיקער אויסבויונג, אין דעם אינהאַלט וואָס מען האָט אַרײַנגעהויכט אין די באַקומענע עלעמענטע, אין דער פאָנעטישער פאָרם און בעיקר אין דעם גאַנצן ים פון געפילע, בילדער, אַסאָציאַציעס, וויצן און דרג"ל, וואָס האָט זיך אין דעם שטומען בלינדן שטאָף אַרײַנגעוואַקסן. מיט דעם לשון פון די יידעס ווערט מען נישט געבוירן, דאָס לערנט מען; מיט דער נשמה, מיט דעם גייסט פון די עלטערן אָבער יאָ, און דאָס איז דאָס מאָסגעבנדע.

נישט די מאַטעריע איז מכריע, נאָר דער כוח וואָס שאַפט און ווירקט אַנטשיידעט אַלצדינג. דאָס רוב פון זײַנע מיטן און געטער־געשטאַלטן האָט דער גריך גענומען פון מצרים, אַשור און פעניציען, און דענאָך — ווער וועט דעם פאָרוואורף מאַכן, אַז ס'האָט העלאַס געפעלט אָריגינאַליטעט? דער שײַן פון געטלעכקײַט, וואָס ער איז אַרויסגעפלאָסן אויס דער העלענישער נשמה און האָט די רויע בײַקעס צו קונסטפולע זאַגן דערהויבן און אַזיאַטישע סטראַשידע-

לעס צו אָלימפּישע געשטאַלטן פֿאַראיידלט, די גרויסע נשמה וואָס האָט אין אירע טיפקייטן אויס מושלעס פּערל אויסגעאַרבעט—די איז געריימט, די שענסטע פראַנצייזישע און דײַטשע זאַגן פון דעם הייליקן גראַל, פון טריסטאַן און איזאָלדע, פון פּאַרסיוואַל, פון לאָהענגרין, פון אַרטוס אאַז״וו זענען אייגנטלעך קעלטישע, און דענאָך, ווער וועט זאָגן, אַז די ליטעראַטור פון גערמאַניען און פראַנקרײַך אין מיטלאַלטער איז געוועזן אומפּרוכטבאַר און גנביש. נישט געשאַפן האָט געטע די לעגענדע פון פויסט, געטע האָט זי נאָר קינסטלעריש אויסגעבילדעט. דאַנטע האָט נישט אַליין אויסגעקלערט דאָס גיהנם, וואָס ער האָט עס אַזוי נישט-איבערטראָפן באַזונגען; שעקספּירס דראַמען האָבן כמעט תמיד צו זייער יסוד ענטווירפע פון עלטערע ענגלישע דראַמאַטורגען. איינער פון די גרעסטע פּוילישע דיכטער, יוליוס סלאָוואַצקי, האָט כמעט קיינמאָל נישט אַליין פון זיך אויסגעקלערט די פאַבל פון זײַנע דיכטונגען. די גרויסע מדרגה קומט נישט פון דעם שטאָף, נאָר פון דער פּאָעטישער באַהאַנדלונג.

די דאָזיקע פּלאַסטישע קראַפט, וואָס בלאָזט אַרײַן אַ נײַע נשמה, וואָס וועקט אַ אייגן לעבן, וואָס גיט אײַן אַ פרישע צורה, — דאָס איז דער עיקר און דער קרן. אַז אונדז שטיי׳מיר ווי אָנגעקאָוועט פאַר אַ פּראַכטווערק פון אַ גרויסן קינסטלער, — וואָס איז עמעצנס דאגה, ווו ס׳ליגט די קאָפּאַלניע פון דעם מאַרמלשטיין, וואָס אַ מיקעל אַנזשעלאָ, אַ טאָרוואַלדסען האָט געמייסלט געטלעכע וואונדער. מיר בוקן זיך מיט פאַרערונג בלויז פאַר דעם גרויסן גייסט, וואָס ער האָט אויף דעם קאַלטן, גלײַכגילטיקן שטיין אויפגעדריקט זײַן הימליש מײַסטער-זיגל.

וואָס גייט דאָס עמעצן אָן, פון וואַנען ס׳קומט דאָס יידישע לשון? ווען מען זאָל וועלן קוקן אויף דעם יחוס פון ווערטער, וואָלט אויסגעקומען פון די גרעסטע שאָוויניסטישע פעלקער אַפילו זייערע אייגענע נעמען אַוועקצונעמען. די ראָמאַנישע פראַנצויזן האָבן אַ נאָמען פון אַ דײַטשן שטאַם פון די פראַנקן. די פרײַסן, וואָס טראָגן דעם פאָן פון באַרבאַרישן שאָוויניזמוס, וואָס זייער דײַטשקייט איז העכער איבער אַלע מידות און מוסר, הייסן גאָר לויט אַ פרעמד פאָלק. די פאַרצײַטיקשטיקע פרײַסן זענען געוועזן אַ לעטיש פאָלק, שטאַרק פאַרהאַסט און פאַראַכטעט בײַ די דײַטשן. דאָס וואָרט גערמאַניען אַליין איז נישט דײַטש, ווי טאַציטוס האָט שוין באַמערקט און ווי די חקירה פון לשונות האָט אויך באַוויזן, איז דאָס וואָרט, וואָס באַצייכנט די גאַנצע ראַסע, קעלטיש, אַזוי ווי אויך דער דײַטשער „ריין" און די דײַטשע „אַלפּן" זענען קעלטישע נעמען. די רוסן, וואָס זענען אַזוי שטאָלץ אויף זייער ווערן און קוקן מיט אַ נאַרישער גראָב-יונגישער פאַראַכטונג אויף דאָס פאַרפוילטע מערב, האָבן אַ נאָמען, וואָס שטאַמט גאָר אַליין פון מערב-זײַט, און האָבן אים באַקומען פון די נאָרמאַנען.

נישט נאָר די פעלקער, אַפילו די קולטור-צענטרען האָבן נישט קיין אייגענע נעמען. פעטערסבורג איז אַ דײַטש וואָרט, ווי ווידער צוריק:

בערלין, ווין, ברעסלוי, גראַץ, כעמניץ אאַז"וו זענען סלאַווישע ווערטער, ווי ווידער: מינכען, אויסגסבורג, קעלן, מינסטער, טריר אאַז"וו זענען לאַטײַנישע ווערטער. נישט אויף דעם קלאַנג פֿון די ווערטער קוקט מען, נאָר אויף די מאַסן פֿון פֿאָלק און קולטור, וואָס פֿילט זיי אויס. ס׳וואָלט געווען פּשוט לעכערלעך תּמיד בודק זײַן דאָס כּשרות פֿון די ווערטער. ווען דער דײַטש זאָל וועלן אמתדיקן דײַטש רעדן, וואָלט ער זיך באַדאַרפֿט די נאָז אָפּצושנײַדן, דען קיין אורשפּרינגלעך דײַטש וואָרט דערפֿאַר איז נישט פֿאַרהאַנען. „נאַזע" איז אַ לאַטײַניש וואָרט (nasus). העכסטנס עמעצן זאָל אײַנפֿאַלן די נאָז צו רופֿן, „געזיכטסערקער", „לעשהאָרן", ווי טייל פּוריסטן האָבן געוואָלט.

מען זאָל נישט קלערן, אַז די עלטסטע שפּראַכן שטייען בעסער. ווי ווײַט מען קען נאָכפֿאָרשן, געפֿינען זיך פֿרעמדע יסודות שוין אין די אורשפּרינגלעכסטע, פּאַרצײַטיקשטיקע שפּראַכן. אונדזערע חסידים פֿון דעם לשון=קודש וואָלט איך געוואָלט מאַכן אויפֿמערקזאַם, אַז שוין אין דעם לשון פֿון תּנ"ך קאָן מען געפֿינען עטלעכע הונדערט ווערטער, וואָס זענען אַשוריש און שטאַמען גאָר נישט פֿון דער סעמיטישער פֿאַרוואַנדשאַפֿט. דאָס אַשורישע אַליין האָט סומערישע ווערטער אין זיך אויפֿגענומען. דאָס עלטסטע גריכיש האָט אין זיך שוין אָנגעזאַפּט אַ היפּשע צאָל פֿון פֿעניצישע ווערטער. שוין דער סאַנסקריט האָט ווערטער בשותּפֿות מיט די עלטסטע סעמיטישע לשונות. דאָס לאַטײַנישע האָט נישט קיין קליין צומישעכץ פֿון איטאַלישע (עטרוסקישע, נישט=אַרישע) און גריכישע ווערטער. דאָס עלטסטע גערמאַניש, וואָס אונדז קען׳מיר, דאָס גאָטיש פֿון דעם חומש=טײַטש פֿון וווּלפֿילאַס, האָט אין די פּאָר פֿראַגמענטע, וואָס האָבן זיך ביז אויף אונדזערע צײַטן דערהאַלטן, אַקעגן הונדערט פֿרעמדווערטער. אַזוי אויך פֿעלן נישט אין עלטסטן אַנגלזעקסיש קלאַסישע ווערטער.

ווער קוקט אויף ווערטער, ווער איז צו פֿיל חוקר ודורש? ווען עמעצער וואָס ער טרינקט וואַסער זאָל וועלן קוקן דורך אַ מיקראָסקאָפּ, וואָלט אים אויסגעקומען פֿאַר דורשט צו שטאַרבן. ווען מען פֿאָרשט די קלאָרע העלע זון, געפֿינט מען אין איר פֿלעקן. לאָז מען אַרײַנקוקן אין דאָס שענסטע איילבילד, וועט מען נאָר פֿליאַמעס דערזען. ווען מען זאָל וועלן קאָנזעקווענט איבעראַנאַליזירן די עלעמענטע, וואָלט אויסגעקומען צו לייק׳נען די עקזיסטענץ פֿון נאַציאָנען, און שפּעציעל פֿון דער דײַטשער נאַציאָן. די באַפֿעלקערונג פֿון צפֿון=זײַט דײַטשלאַנד און די פֿון דרום=זײַט זענען צוויי גאַנץ פֿאַרשידענע ראַסן=טיפּן, דער איינער דאָליכאָצעפֿאַל, און דער צווייטער בראַכיצעפֿאַל. פֿאַר דעם וואָס ער שטייט הינטער די קוליסן איז נישט פֿאַרהאַנען קיין שוישפּיל. אַז מען נעמט די כעמישע רעטאָרטע אין האַנט אַרײַן, צעפֿאַלט יעדער גלאַנץ, צעפֿליט יעדע שענקייט, און גרוי שטאָף בלייבט צוריק. צופֿיל אַנאַליזירן פֿירט צו גאָרנישט.

# V

פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט זיך געפורעמט לשון, האָבן די טויטע וואָרצל קיין באַדײַטונג. דאָ הייבט אָבער אָן איינעם צו שמערצן די נאַציאָנאַלע גאווה. וואָס טײַטש, אונדז יידן, וואָס מיר האָב׳מיר אַזאַ לאַנגע און גלענצנדיקע געשיכטע, באַדאַרפ׳מיר מאַכן אַ הלוואָה בײַ אַ פאָלק פון נעכטן? מיר, דאָס פאָלק פון דער ביבל, זאָלן באָרגן ווערטער פון אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך דאַמאָלס, ווען אונדזער ש״ס האָט מען געחתמעט, זשאָלענדזשעס פון ביימער אין די וועלדער געפרעסן און מיט בערנפעל זיך אָנגעטון? מיר סעמיטן זאָלן ערקלערן אַ לשון, וואָס איז סוף כל סוף לינגוויסטיש אַ אינדאָגערמאַניש לשון, פאַר אונדזער אייגן?

צוואַר איך האָב שוין, ווי איך קלער, גענוג ראַיות געבּרענגט, אַז דאָס אָרט פון וואַנען ווערטער שטאַמען איז גלײַכגילטיק, דענאָך וויל איך נישט פאַרמײַד׳ן אײַנצוגיין אויף דער דאָזיקער ראַסן־קושיא און צו פאַרענטפערן די פאָרווירפע פון דעם יידישן געוויסן.

די לאָמבאַרדן זענען גערמאַנען און רעדן איטאַליעניש, די דײַטשן פון מזרח־דײַטשלאַנד ביז קיין מעקלענבורג זענען סלאַוון און לעטן און רעדן גערמאַניש, די אייגנטלעכע פראַנצויזן זענען קעלטן מיט אַ גערמאַניש אײַנשלאַג דערצו, און רעדן אַ ראָמאַניש לשון. די באַוווינער פון דער נאָרמאַנדיע זענען פראַנצייזיש־רעדנדיקע נאָרמאַנען (סקאַנדינאַוויער).

און נישט נאָר בײַ זאָלכע שפּראַך־חילוקים, אַפילו דאָרט ווו ס׳זענען פאַרהאַנען געוואַלטיקע ראַסן־צווישנשיידן קאָנ׳מיר אויך זען דעם דאָזיקן וועקסל פון שפּראַכן. די טאָסקאַניער, בכן דער דאָזיקער שטאַם וואָס ער שמועסט דאָס שענסטע איטאַליעניש און האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די גרעסטע מײַסטער (דאַנטע, מאַקיאַוועלי אאַז״וו) פון איטאַליעניש, איז גאָר נישט קיין אינדאָגערמאַניש פאָלק. זייערע זיידעס האָבן פאַרצײַטנס גערעדט אַ עטרוסקיש לשון, וואָס קערט זיך גאָרנישט מיט קיין שום אינדאָגערמאַנישער שפּראַך. בכן האָב׳מיר אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי מחולק פון די אַריער ווי די סעמיטן, און דענאָך שמועסט עס אַ אַריש לשון. אַזוי ווי די אורשפּאַניער, איידער זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קעלטן, די איבעריער, האָבן געהאַט אַ באַסקיש לשון, וואָס האָט נישט קיין שום מחותנותשאַפט מיט די אַריער; און וואָס שטערט דאָס, אַז זייערע קינדער זאָלן שמועסן אַ נײַלאַטײַנישע שפּראַך. קרובים פון די דאָזיקע איבעריער זענען געוועזן די אַקוויטאַניער, די באַוווינער פון דרום־פראַנקרײַך; און זייערע אייניקלעך, די פראָוואַנסאַלן, האָבן אַ ראָמאַניש לשון, וואָס איז אַ סך שענער און נאָך רײַכער פון דעם פראַנצייזישן. דאָס עלטסטע סלאַוויש, דאָס סלאַוויש פון די קלויסטערס, איז לויט שלײַכער די פאַרצײַטיקשטיקע שפּראַך פון די בולגאַרן; און די בולגאַרן אַליין זענען גאָר נישט קיין סלאַוון. זיי זענען אַ מאָנגאָליש פאָלק, וואָס האָט אַמאָל

געוווינט אויף דער וואָלגאַ, און ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דעם באַלקאַן צווישן סלאַווישע פעלקער, האָבן זיי דאָס לשון געוועקסלט. גריזשען זיי זיך אַ סך וועגן דעם איבערבײַט פון דעם אוגראָפינישן אויף סלאַוויש? דאָס איז אַ גרויס טעות, כאָטשע ס׳איז שוין קאָנווענציאָנעל געוואָרן, אַז שפּראַכן=איינהייט איז אויך ראַסן=איינהייט. פון די לינגוויסטיש=איינהייטלעכע אינדאָגערמאַנען איז בלי שום ספק אַ גרויסער, ווען נישט דער גרעסערער טייל גאָרנישט קיין אינדאָגערמאַנען.

דער סקרופּל פון דעם ראַסן=אונטערשייד איז איבערטריבן. אונדזער ידעות באַדאַרף זיך נישט אויף קיין האָר אַנגסטיקן. דאָס וואָס זיי האָבן אַ ייִנגערע קולטור=געשיכטע און אונדז אַ עלטערע האָט גאָר אַ ווייניק ממשות. יוגנט איז נישט קיין חרפּה. אונדז מעג׳מיר שוין אויפהערן צו זײַן פאַרצוויגן אויף אונדזערע גרויע האָר.

אונדז זענ׳מיר נאַציאָנאַלע יידן, אונדז רעד׳מיר אַ לשון, וואָס מיר האָב׳מיר אָנגעפּאַסט געגנצלעך צו אונדזער וועזן. ס׳איז פון אונדזערטוועגן אַ אויסגעבלאָזענע איי, צי דער שטאָף פון דעם לשון איז כשר לויט דעם סעמיטישן יחוס=בריוו. אונדז מעג׳מיר שוין אַמאָל שטאַרקן און זיך נישט לאָזן סוגערירן פון די אַנטיסעמיטיש=געפאַרבטע ראַסן=אידעאָלאָגיעס.

די סירענען=קולות פון דער העברעיִש=סעמיטישער נאַציאָנאַלער פראָנדע ווילן אָבער נישט שווײַגן און באַשטרעבן זיך צו רירן דאָס ווייעדיקע האַרץ פון דעם אייביקן בלאָנדזער מיט אַ אַנדער אַרגומענט.

— ווי הייסט מען האָט אונדז פאַרצײַטנס דערנידריקט, צו דער ערד געטרעטן, אונדזער בלוט אויסגעזאָגט: איז דאָס נישט קיין עבדות דאָס לשון פון די דאָזיקע באַדריקער פאַר אונדזער אייגן צו האַלטן? הערט מען שרײַען.

סענטימענטאַליטעט, פאַרצערטלט געפיל, וואָס רײַסט די סטרונעס פון אַלטע יסורים, וואָס גראָבט אין דעליקאַטע וויבראַציעס, וואָס לאָזט זיך שטימען לויט יעדן רודער פון געפילע, איז גיפט פאַר דער ענערגיע, איז צעזעצעדיק סם פאַר יעדן אונטערנעמען, איז אַ סימן פון שוואַכקייט און מאַטיקייט. שטאַרקע און גרויסע פעלקער זענען אַזוי ווי גרויסע און שטאַרקע אינדיווידועןף פאַרזינקען זיך ווייניקער אין טונקעלע קלערעכצער און שלעפּעכצער און טוען אָבער מער.

ראשית איז אונדזער לשון נאָר לינגוויסטיש ס׳רוב גערמאַניש. פון דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז אַזוי די פאָרם ווי דער בוי יידיש. שנית, וואָס פאַר אַ עוולה ליגט איבערהויפּט צו רעדן הײַנט אַ לשון פון מענטשן, וואָס זייערע עלטערזיידעס האָבן אונדזערע עלטערזיידעס צרות אָנגעטון?

ווער האָט צו די פראַנצויזן זייער לשון געבערענגט? די זעלנערס פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן, וואָס האָבן אַ חורבה געמאַכט אויס דעם שיינעם גאַליען און אויסגעמעקט די אַלטע קעלטישע קולטור, זיי האָבן געזעצט דעם שטאַם פון דעם לאַטײַנישן פון יענער זײַט פון די אַלפּן.

ווער האָט דאָס ענגלישע לשון אין אירלאַנד אײַנגעפירט? רייבערישע לאָרדס מיט הענט פון בלוט באַפלעקט.

ווער האָט קיין מצרים דאָס אַראַבישע געברענגט? באַרבאַרישע שרעקלעכע מאַמעלוקן.

ווער האָט קיין ענגלאַנד געברענגט די יסודות פון דעם פראַנצייזישן? נאָרמאַנישע טיראַנען.

ווער האָט איבער גאַנץ איטאַליען אויסגעשפרייט די ווינציקע שפראַך פון לאַציום? אַלטע רוצחים, וועטעראַנען אָן רחמים מיט הערצער אויס שטיין.

אונדזערע אָבות, וואָס האָבן אָנגענומען אין דײַטשלאַנד די דײַטשע עלעמענטע פון דעם יידישן, האָבן דאָס נישט געטון אויס אינעוויינעדיקע שקלאַווערײַ. דעם יידס נשמה איז קיינמאָל נישט געווען פאַרשקלאַווט. דער אָפיציעלער קאַמערקנעכט האָט זיך קיינמאָל נישט מבטל געווען. ער האָט תמיד געהאַט די ידיעה, אַז דער שטאָלצער פריץ זײַנער איז אַ רייבער („פריץ" איז דאָך אייגנטלעך טײַטש רייבער), אַ מאָראַליש מינדערווערטיק אינדיווידוום. תמיד האָט דער ייד געפילט וואָס ער איז מיט זײַן אַלטער תורה אַקעגן דאָס דעמאָלטיקע האַלבווילדע אייראָפּאַ. אין אַרגסטן גלות האָט זיך דער ייד העכסטנס צוזאַמענגעצויגן, צוזאַמענגעבראָכן. געבייגט האָט ער זיך אין דער נשמה אָבער קיינמאָל נישט. פרײַ און מיט אַן אייגענער קולטור האָט ער אין די וועלט געקוקט. נאָר אויסנווייניק איז געווען דאָס עבדות.

אין געגנטייל, די שטאָלצע פעלקער פון אייראָפּאַ, וואָס די שווערטער פון די לעגיאָנען האָבן זיי ראָמאַניש געלערנט רעדן, זיי האָבן זיך געלאָזט קנעכטן אויך אינעווייניק. ס'זענען געווען צייטן, ווו גאַנץ אייראָפּאַ איז געלעגן צו די פיס פון דעם ריימער, וואָס איז געזעסן אויף דעם שטול פון דעם יידישן פישער אויס גליל. אינעוויינעדיק געקייט ווי אַ שקלאַוו, געבייגט ווי קלאָסעס בײַם שטורעמווינט, איז דער גרויסער היינריך דער פערטער, קייזער פון דײַטשלאַנד און איטאַליען, דער פריץ פון אַלע קריסטן, געשטאַנען באָרוועס פאַר דעם קלויסטער אין קאַנאָסאַ. לאַנגע, לאַנגע הונדערטער יאָרן האָט אייראָפּאַ געציטערט ווי אַ צעבראָכענע טראָסטענע, ווי אַ דאַר צווײַגל בײַ אַ זאַווערוכע, פאַר דער אייביקער שטאָט, וואָס האָט אים דאָס לשון געגעבן, פאַר דער שטאָט וואָס האָט געקנעכטעט די וועלט צוויי מאָל, איינמאָל מיט דעם שווערט און מיט רציחות און דאָס צווייטע מאָל מיט דעם צלם (צלב) און מיט הייליקע שריפות.

מיר יידן, וואָס מיר האָב'מיר דורכגעלעבט דאָס שוואַרצע מוראדיקע מיטלאַלטער, כאָטשע מען האָט אונדז געפּײַניקט און געפּלאָגט, מערדערלעך געשלאָגן און געברענט, געבראָטן און געהרגעט, באַדאַרפן מיר גאָר נישט קוקן אויף יענע צײַטן ווי אויף צײַטן פון עבדות. אונדז באַדאַרפ'מיר אַראָפּקוקן אויף יענע צײַטן ווי אויף אַ צײַט פון אײַנזנדיקער שטאַרקייט פון דער נשמה, פון גוואַלטאָווענע כוח, פון טאַפּפערקייט אָן פחד. און אַז אין יענע

צײַטן איז אונדז געלונגען אונדזער אייגענע קולטור ווײַטער צו אַנטוויקלען און זיך אויסצואַרבעטן אַ אייגן לשון, מעג׳מיר מיט שטאָלץ און מיט אַ הויכן שטערן צוריקקוקן. ניסט קיין בושות, ניסט קיין שאַנד פון עבדות וועט אונדז די דאָזיקע שפּראַך דערמאָנען.

## VI

מיר אַשכּנזים וועל׳מיר אונדזער יידיש פאַר אונדזער לשון האַלטן, פאַר דאָס היינטיק לשון פון אונדזער נאַציע.—וואָס וועל׳מיר טון מיט די דאָזיקע יידן וואָס רעדן ניסט אונדזער יידיש?

פאַר אַלעם מוז קאָנסטאַטירט ווערן, אַז די צאָל פון זאָלכע יידן איז זייער קליין. די אײַנהיימישע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע יידן און דערצו אַ פערטל מיליאָן ספרדישע יידן פון אייראָפּאַ באַטרעפן צוזאַמען העכסטנס איין מיליאָן. אמת, ס׳איז דאָ אַ סך מער יידן, גאַנץ מערב=אייראָפּאַ, רוב אונגאַרן, אַ טייל פון די רוסישע יידן, אַ גרויס חלק פון די אַמעריקאַנישע יידן, וואָס רעדן ניסט קיין יידיש. זיי אָבער קענען ניסט אין באַטראַכט געצויגן ווערן, ווען מען שמועסט פון אַ נאַציאָנאַל לשון. זיי מעגן נאָך אַזוי פיל ליידן פון די אַנטיסעמיטישע העצן, זיי מעגן נאָך אַזוי אויפשפּרינגען ווען מען טרעפט זיי אין דעם יידישן אָדער אַרײַן, זיי מעגן נאָך אַזוי פיל מנדב זײַן אויף דער חברה קדישא און אויף דער אַליאַנץ און אַפילו אויף דעם נאַציאָנאַל=פאָנד— מיטגלידער פון דער זעלבער נאַציע האָבן זיי שוין אויפגעהערט צו זײַן, זיי זענען אַסימילירט. ראַסע און אין דעם בעסטן פאַל די אמונה זענען די איינציקע פעדעם וואָס פאַרבינדן אונדז מיט זיי. זיי וועלן קיין יידיש ניסט שמועסן, ווי זיי וועלן אויך מער קיין לשון=קודש ניסט לערנען. העברעיִש, „די ערווירדיגע ביבעלשפּראַכע", איז פאַר זיי די שפּראַך פון דעם טעמפּל, און אויך דאָס ניסט תמיד.

אַלזאָ פון די עלף מיליאָן יידן זענען צוויי אַסימילירט, איינע צעברעקלט אויף עטלעכע שפּראַכגרופּן און אַכט רעדן אונדזער אַשכּנזיש=יידיש. וואָס איז איינס אַקעגן אַכט? און דערבײַ מוז׳מיר געדענקען, אַז די מיליאָן ניסט=אַשכּנזישע יידן צעפאַלן אויף יידן וואָס רעדן שפּאַניאָליש און וואָס רעדן אַראַביש און דזשעז און פערזיש און בוכאַריש און אינדיש און כינעזיש און גרוזיניש. שפּליטער, ברעקלעך פון איין זײַט, און פון דער אַנדערער אַ אײַזערנער שפּראַכבלאָק. דערצו זענען די דאָזיקע קליינע גרופּקעלעך אויך קוואַליטאַטיוו אָן באַדײַטונג, פּאַסיוו זײַט הונדערטער יאָרן, זיי לייסטן גאָרניסט, ניסט אין זייערע היימישע דיאַלעקטע און ניסט אין העברעיִשן. אַפילו די ספרדים, וואָס האָבן אַ גרויסע פאַרגאַנגענהייט און וויגען צום טייל אין אייראָפּאַ, זענען פאַרגליווערט און פאַרשלאָפן (פון די אַסימילירטע ספרדים שמועס איך ניסט). די בײַ=העברעיִשע ליטעראַטור האָט זײַט הונדערטער יאָרן אויפצווויַזן קוים עטלעכע מיטלמעסיקע ספרדישע שרײַבערס (מענדעס, יוסף-

הלוי א״אַנד). נישט נאָר אונדז זען׳מיר קוואַנטיטאַטיוו כמעט דאָס גאַנצע פאָלק, נאָר אויך קוואַליטאַטיוו זען׳מיר די סמעטענע פון דעם יידישקייט. אין דעם לאַגער פון די אַ ש כּ נ ז י ם געפינט זיך דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע כּוח וואָס אונדזער פאָלק באַזיצט. רוב מנין און רוב בנין שמועסט יידיש. די אויסנאַמען זענען אַ מיעוט, וואָס זיין חסרון איז נישט חשובדיק. אונדז וועל׳מיר זיך מיט דעם באַגנוגן.

אונדז וועל׳מיר מיט אונדזערע נישט-אַשכּנזישע ברידער נישט קיין אויסנאַמע זיין. די מייסטע נאַציעס זענען שפּראַכלעך גאָרנישט פולקומען געאייניגט. אין שפּאַניען רעדן די קאַטאַלאָניער פּראָוואַנסאַליש כמעט, און די באַסקן אַ גאָר נישט-אַריש לשון. די איטאַליענער האָבן אַחוץ דער ליטעראַטור-שפּראַך, וואָס איז דער דיאַלעקט פון טאָסקאַניען, נאָך אין צפון-זייט די גאַלאָ-ראָמאַנישע שפּראַך און אין דרום די סאַרדישע שפּראַך. פון די איטאַליענער אין איסטריען, וואָס זענען הייס אירעדענטיסטיש, שמועסט אַ טייל גאָר אַ רומענישן דיאַלעקט. דייטש האָט אַחוץ דער ליטעראַטור-שפּראַך אַ מאַסע פון דיאַלעקטן, פון וועלכע פּלאַטדייטש איז שוין מחולק ווי אַ באַזונדער לשון. אַפילו אין אָבערדייטשן אַליין זענען שוין די מונדאַרטן כמעט פרעמדע שפּראַכן. ערשט נישט לאַנג, ביי דעם באַקאַנטן איילענבורג-פּראָצעס, האָט מען געמוזט אין בערלין גופא צו אַ עדות אויס בייערן רופן אַ דאָלמעטש, וואָס זאָל פאַרטייטשן זיינע ווערטער אויף הויכדייטש. די פראַנצויזן האָבן אונטער זיך די פּראָוואַנסאַלן, וואָס האָבן אַ אייגענע ליטעראַטור אַפילו, און די ברעטאַניער, וואָס רעדן נאָך זייער אַלט קעלטיש. ענגלאַנד מוז צוקוקן, ווי גאַנצע מאַסן פון זיינע איינוווינער שמועסן פאַרשידענע קעלטישע דיאַלעקטע און אַפילו אַלט-פראַנצייזיש (אויף דער אינזל דזשערזי). אין שוועדן און אין נאָרוועגן זענען דאָ לאַפּן, וואָס רעדן פיניש; אונטער די פינלענדער ווידער שמועסט אַ חלק שוועדיש. אין מאַראָקאָ שמועסט אַ טייל פון דער באַפעלקערונג גאָר נישט קיין סעמיטיש לשון, נאָר בערבעריש. אויף מינדערהייטן קען נישט קוקן דאָס רוב, אַז מען וויל נישט אַריינפאַלן אין אַ אַנאַרכיע אַריין.

דאָרט ווו דער איינפלוס פון דער ליטעראַטור פון דעם רוב איז גרויס, דאָרט איז איבערהויפּט דער מיעוט בטל און לעבט זיך אויס אין דער ליטעראַטור פון דעם רוב. אַזוי האָבן די ברעטאַניער די בעסטע כּוחות צו דער פראַנצייזישער ליטעראַטור אַוועקגעגעבן און אַליין קיין אייגענע נישט געשאַפן. אַבעלאַרד, קאַרטעזיוס, ראָשפוקאָ (Rochefoucauld), פלאָבער (Flaubert), רענאַן זענען געבוירענע ברעטאַניער. די שאָטן (שקאָטן) און אירן אין גרויס-בריטאַניען האָבן דאָס רוב פון דער ענגלישער ליטעראַטור געשאַפן און די אייגענע באַרדן פאַרנאַכלעסיקט. שאָטן אַליין זענען אין לעצטן יאָרהונדערט געווען: סמיט, מיל, קאַרלייל, רעסקין, מעקאָלי (Macaulay) א״אַנד.

טיילמאָל איז דאָס נישט דער פאַל. אַזוי אין נידערדייטשלאַנד, אין דרום-פראַנקרייך, ביי די באַסקן, ביי די קאָפּטישע גלחים האָט דער מיעוט

מער אָדער ווייניקער געשריבן אין זײַן אייגן לשון. ס'איז פֿאַרהאַנען אַפֿילו,
אַז ניט קיין מיעוט, נאָר אַ חשובדיק טייל פֿון איין און דעם זעלבן פֿאָלק
זאָלן שרײַבן אין איין לשון, און דער אַנדערער אויך גרויסער טייל אין אַ
אַנדער לשון. אַזוי אין דער שווייץ שרײַבט איין חלק דײַטש, דאָס אַנדערע
פֿראַנצייזיש, און דאָס דריטע גאָר איטאַליעניש. איין העלפֿט בעלגיער שרײַבט
פֿלעמיש, און די צווייטע וואַלאָניש. ווען אַפֿילו די ספֿרדים זאָלן ניט זײַן
אַזאַ מיעוט אין יעדער הינזיכט ווי זיי זענען באמת, ווען ניט די אַנדערע גרופּן
זאָלן זײַן אַזעלכע פֿאַרשווינדנדיקע מינאָריטעטן, וואָלטן זיי געמעגט אין זייע=
רע אידיאָמע ווײַטער שרײַבן, און אונדזער נאַציאָנאַל־קאַראַקטער און די באַ=
דײַטונג פֿון אונדזער לשון וואָלט דאַדורך ניט פּוגם געוואָרן.

ווען ס'זאָל מעגלעך זײַן יענע פֿאַרשפּרייטע ייִדן צוצופֿירן צו אונדזער
ייִדיש, ווי ווויל און פֿײַן וואָלט דאָס געווען. ס'וואָלט אַוודאי אַ סך גענוצט.
אין די הײַנטיקע פֿאַרהעלטעניסע איז דאָס אָבער ניט מעגלעך. זיי באַקערן
פֿאַר זיך איז גאָר ניט אַזוי פֿאַנטאַסטיש. די היסטאָריע קאָן נאָך ברענגען אי=
בעראַשונגען. פֿאַר אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק האָט אַ טייל פֿון די ליט=
וואַקן רוסיש געשמועסט און האָבן גאָרניט געקאָנט דאָס לשון פֿון אַלע
מזרח־ייִדן. נו, האָט מען פּשוט פֿאַר דאָס אַשכּנזישע לשון געמאַכט פּראָפּאַ=
גאַנדאַ. אַ גרויסער גאון, ר' מאיר כּץ, שרײַבט, אַז הלוואַי וואָלטן אַלע ליט=
וואַקן אַשכּנזיש רעדן און די ערד וועט פֿול ווערן מיט דעת. דער געזונדער
נאַציאָנאַלער אינסטינקט איז דעמאָלט נאָך ניט אויסגעוועפּט דורך איבער=
טריבן אַנאַליזירן און סענטימענטאַליזירן.

אַזוי ווי דאָס פֿראַנצייזישע און דאָס ענגלישע אַאַז"וו זענען די נאַציאָ=
נאַלשפּראַכן פֿון די פּראַנצויזן, די ענגלענדער אַאַז"וו, כאָטשע חלקים פֿון זיי
האָבן גאָר אַ אַנדער מאַמע־לשון, אַזוי אויך אונדז ייִדן, כאָטשע אַקעגן אַ
מיליאָן פֿון אונדזערע ברידער שמועסן גאָר ניט אונדזער שפּראַך, האָבן מיר
דאָס פֿולקומענע רעכט צו האַלטן אונדזער אַשכּנזיש פֿאַר דער שפּראַך פֿון
דער הײַנטיקער ייִדישער נאַציע. פּשטלעך און קלויבעכצער פֿון ווערטער,
סכאָלאַסטישע דרייעכצער קענען און דאַרפֿן אונדז דאָס דאָזיקע רעכט ניט
נעמען.

— ניט שפּראַך פֿון דער נאַציע איז דאָס ייִדיש, נאָר די שפּראַך פֿון
דעם פֿאָלק, הערט מען פֿון פֿאַרשידענע זײַטן, אַפֿילו פֿון גוטע מלחמה־האַל=
טערס פֿון אונדזער צד.

פֿאָלק און נאַציע. אַ מחלוקת וועגן אַ וואָרט. נאַציאָנאַל לשון איז ניט
מער און ניט ווייניקער ווי פֿאָלקס־לשון, נאָר מיט דעם חילוק, אַז דער
צווייטער טיטל איז ניט דעמאָקראַטיש. נאַציע און פֿאָלק איז איינס און דאָס
זעלבע, אַחוץ דאָס קליינע קופּקעלע אַריסטאָקראַטן. „פֿאָלק" איז טײַטש בײַ
זיי דער פּעבל, דער המון. מיט דעם וואָרט „פֿאָלקס־לשון" ווערט ניט מיט
דעם מינדעסטן אַרומגעגאַנגען דער פֿאַקט, אַז די ייִדן האָבן צמאָל געהאַט אַ

אַנדער לשון אין זייער מויל, און אַז ס׳הײַנט דאָ יידן, וואָס קענען נישט קיין יידיש. „פאָלקס־לשון״ איז בלויז אַ וואָרט, וואָס יעדע אינטעליגענץ בײַ יעדן פאָלק, אַז זי זאַפּט אין זיך אײַן פול פרעמדע קולטור, רופט אַזוי די שפּראַך פון די קליינטשיקע ברידער. „פאָלקס־לשון״ איז אַ אַנאָמאַליע אין די הײַנטיקע דעמאָקראַטישע צײַטן, אַ רײַסעדיקער קרײַץ, אַ סקריפּעדיקער דיסאָנאַנס.

רופטס דאָס יידיש פאָלקס־לשון, דאָס פאַקט וועט זיך אָבער נישט ענדערן, אַז כמעט אַלדינג וואָס לעבט אין דער יידישער נאַציע געפינט זיך נאָר אין דער מחנה פון די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן געזייגט מיט דער מילך פון דער מאַמעס ברוסט דאָס יידישע לשון; אַז אַחוץ פון דער מחנה הוטשעט די אַסימילאַציע אָדער ס׳זשיפּעט ווי פאַרגליווערט אַ פאַרשלאָפן, צעברעקלט יידישקייט.

אַמאָל, ווי די גאַנצע אינטעליגענץ אין דײַטשלאַנד איז געוואָרן ער־צויגן לאַטײַניש און קיין פאָדעס, קיין געמיינזאַם שטריקעלע האָט זי נישט צוזאַמענגעהאַלטן מיט דעם פּראָסטן דײַטשן עולם, האָבן זיי דאָס לשון פון דעם עולם, פון דער גרויסער דײַטשער נאַציע, אויך „פאָלקס־לשון״ גערופן. „דיוטיסק״ — „דײַטש״ איז אייגנטלעך טײַטש „פעלקלעך״, די שפּראַך פון דעם פאָלק. דער נאָמען האָט אַזוי פיל דער שטאָלצער חברה גענוצט ווי אַן אַרבעס אָן דער וואַנט. לאָזן זיך כוואַליעס פון דעם שטראָם, ווען די שנייען לאָפּיען זיך און די וועסנע כאַפּט זיך אויף און די וואַסערן גייען אַריבער די ברעגעס, זיך צוריקהאַלטן דורך טאַמעס? לאָזט זיך דער ווולקאַן, ווען ס׳זידט און קאָכט אין זײַנע היילן און ס׳ברויזט און דונערט אַפער געוואַל־טיקע לאַוועס, זיך צוריקבאָכען דורך שויפלען ערד, דורך גאָפּלען זאַמד?

גרויס און שטאַרק איז דאָס לעבן. אויפטועכצער און אַרומגייעכצער פועלן גאָרנישט, פירן צו גאָרנישט.

נאַציע, פאָלק — אַ שאָד זיך אַרומצוהרגענען. דאָס לעבן האָרכט אַזוי־פיל די קליגעכצער און וואָרט־דרשות, ווי דער שטורעם די השבעות פון אַ בעל־מופת. דו זאָג דיר דײַנס, דרשע וויפיל ס׳גייט אין דער קוואָרט אַרײַן, און איך טו מיר מײַנס. דאָס לעבן טוט זיך זײַנס. הויך איבער די וואָלקן זיצט דאָס פאַטום און לאַכט איבער די דרשות פון די דאָזיקע, וואָס וואָלטן געוואָלט מיט שמות די אײַזערנע האַנט פון די נאַטורגעזעצע דרייען לויט זייער טעם.

די אָנהענגער פון דעם נאָמען „פאָלקס־לשון״ ווילן אויך באַווייזן, אַז נאָר דער דאָזיקער נאָמען איז רעכט. די אַרגומענטע וואָס מען קען ברענ־גען קענען אָבער נישט אַרויסגיין פון דעם מויל פון אמתדיקע יידישיסטן. די אַרגומענטע זענען, אַז יידיש איז טאַקע נאָר אַ פּעבל־לשון, און פאַרדעם קען מען אים קיין בעסערן נאָמען ווי פאָלקס־לשון געבן. יידיש, זאָגן זיי, איז אַ לשון נאָר פעיק אויסצודריקן גוט אַ ווערטל, אַ וויץ, אַ קאַטאָוועסל;

אַ מאַרשאַלקאָווסקע לשון, וואָס נאָר דער המון קען אין אים געשמאַק האָבן. פּראַוודע, ווי קען מען אָננעמען, אַז פון אַלע שפּראַכן פון דער גאַנצער וועלט זאָל דווקא דאָס יידישע אַזאַ נידעריקע מדרגה האָבן? דווקא די יידן, וואָס האָבן אין דער קולטור אַזוי פיל פאַרמאָגט צו לייסטן, האָבן זיך נישט געקאָנט קיין בעסער לשון אויסצואַרבעטן ווי פאַר סאַטירע, פאַר חכמהלעך און האַנסוואורסטע? פּראַוודע, פון וואַנען קען מען זאָגן, אַז אַז אַ לשון וואָס איז פעיִק פאַר סאַטירע און וויצע איז שוין פאַר זיך קאָמיש און נידריק און קען זיך נישט אויפהייבן צו אַ הויכן פלי? פּראַוודע, אַ סך אוצרות פון טיפער טראַגיק און שמערץ וואָס בויערט ווי שפּיסן זענען שוין דאָ אין דער יידישער ליטעראַטור; און דענאָך, וואָס שאַדט דאָס צו די פאַרעכטער, צו די געהויבענע אויסלאַכערס צו רעדן פון אַ מאַרשאַלקאָווסקע פעבל-לשון.

די דאָזיקע וואָס זאָגן דאָס זענען סוגערירט פון די אַנטיסעמיטן. ס'האָט אַמאָל ערנסט באַמערקט אַ גרויסער אַנטיסעמיט, רישאַרד וואַגנער, אַז ס'איז נישט מעגלעך אַ ייד אויף דער סצענע אויפצופירן און נישט צו לאַכן אויס אים. דאָס עכאָ פון דעם אַנטיסעמיטישן לאַכן קלינגט נאָך אין דער אַנזיכט, אַז דאָס יידיש איז אַ קאָמיש וויצלעך-לשון. אין דייטשלאַנד איז די לעצטע צענדליגע יאָרן אַמתדיק דאָס יידיש (מוישעל) אַראָפּגעזונקען פאַר אַ שפּראַך פון „וויצעלעך און לאָצעלעך (הלצות)". דאָס איז דער סוף, אַז מען לאָזט אויף זיך פּאַסיוו יעדעס פרעמדע אורטייל דערגיין. זייט שטאַרק, יידן! פאַר-וואָס זענט עץ ווי טייג, וואָס יעדער פרעמדער קען דרויס מאַכן וואָס אים קומט אין קאָפּ אַריין. לעבטס אַ אייגן לעבן נאָך אייגענע זעלבשטענדיקע אורטיילע.

פאַר זיך אַז מיר וועלן נעמען די זאַך, לאָזט זיך פון דעם יידישן וויץ בלויז שליסן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיך אַ סך גייסט און זיין שפּראַך קען דעם דאָזיקן גייסט גוט אויסדריקן. אויך די פּראָנצויזן שמען מיט זייער עספּרי, און נאָך מער, אויף דעם געביט פון דעם דראַמאַ איז דער צווייג וואָס איז ביי די פראַנצויזן אָריגינעל און נישט אויפגעבויט לויט פרעמדע מוסטער, דאָס איינציקע מין וואָס זיי האָבן פון זיך ספּאָנטאַן גע-שאַפן — די קאָמעדיע. אַנאַטאָל לעראָאַ-באָליע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די יידן און די פראַנצויזן האָבן אַ סך מידות און מעלות בשותפות. בכן איז פראַנצייזיש אויך מאַרשאַלקאָווסקע. וואָס וועלן אַצונדערט זאָגן די שפּעטערס?

ס'קען איבערהויפּט זיין, אַז דער יידישער וויץ איז גאָרנישט ספּעצי-פיש יידיש און נאָר אַ פּראָדוקט פון די צושטענדע. פאַרצייטנס, אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, איז דאָס אַזויפיל ווי גאָרנישט דערפון. (די פּתיחתא פון איכה, די מחברות עמנואל זענען צו ווייניק פאַר אַ עמינענט וויציק פאָלק.) דער וויץ שטיצט זיך אויף ווידערשפּריכע, אויף קאָנטראַסטן וואָס קערן נישט צו זיך. זאָלכע קאָנטראַסטן און ווידערשפּריכע זענען דאָ אַם-מייסטן אין צייטן פון איבערגאַנג, ווו דאָס אַלטע איז נאָך נישט אויסגע=

שטאָרבן און דאָס נײַע פּאָרעט זיך שוין אָרנטלעך. דעמאָלט אַנטשטייען די לעכערלעכסטע סיטואַציעס, וואָס וועקן דעם וויץ און שאַרפן די פּיילן פון ווערטלעך און שפּאַנען דעם בויגן פון קאָמעדיען און סאַטירן.

דער מלמד פון דעם לעבן, דאָס ליכט פון דעם אמת, די היסטאָריע קאָן אונדז דאָ אַ סך בײַשפּילן געבן. ווי דאָס אַלטע גריכנלאַנד האָט זיך שוין דערנענט צום ווינטער און דאָס נײַע, אוניווערזעלע סאָפיסטישע און סאָקראַטישע גריכנלאַנד האָט זיך דערהויבן, דעמאָלט האָט אַריסטאָפאַנעס געדיכטעט. ווי די קרייצציגע האָבן אַביסל ליכט אין דער פינצטערער נאַכט פון דעם מיטלאַלטער אַרײַנגעבערענגט און מיט טונקלע קלויסטער צוזאַמענ־געפירט דעם העלן מוירישן מזרח, דעמאָלט האָבן די גאָליאַרדן געוויצלט. ווי דאָס אַלטע רויע דײַטשלאַנד האָט געגוססט און דאָס נײַע הומאַניסטישע האָט די האַנט געשטרעקט נאָך דער ממשלה, דעמאָלט האָבן געשפּיצט זייערע צעזעצעדיקע קוילן: פישאַרט, בראַנט, הוטען אאַז"וו. אין יענע צײַטן פון איבערגאַנג האָט פראַנקרײַך ראַבלע (Rabelais) געזען. די ווּנדערלעכע צוזאַ־מענזעצעכצער פון אַלטער און נײַער אָרדנונג מוזן אַרויסרופן לאַכן. ס'איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ קאָמישן אײַנדרוק מאַכט דאָס הײַנטיקע יאַפּאַן מיט זײַן מישמאַש. און אַז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק האָט אין זיך אַביסל זשעני, דע־מאָלט וועט אויך דאָרט דאָס דאָזיקע היסטאָרישע געזעץ זיך באַוואַרהייטן און אַ פאָנטאַנע פון הומאָר הויך שפּריצן.

אַ אַנדערע ראַיה, וואָס מיר הערן קעגן יידיש אַלס נאַציאָנאַל לשון, איז, אַז אַ צעשפּרייט און צעזייט פאָלק קען נישט קיין אייגנטלעכע ליטעראַ־טור שאַפן, וואָס זאָל אין זיך האָבן דעם סענץ פון דער נשמה פון דער נאַציע; און פאַרדעם קען מען אויך צו דער שפּראַך פון דער דאָזיקער ליטע־ראַטור נישט געבן קיין נאָמען „נאַציאָנאַל לשון“.

ס'איז אַ טרויעריקער אמת, אַז דאָס גלות מאַכט שווער די אייגענע נשמה צו ווידערגעבן, אַז איבעראַל זע'מיר און הערן מיר פרעמדס און די קולות וואָס גייען פון אונדזער אייגן האַרץ אַרויס ווערן פאַרהילעכט. ס'איז אַ שווערער צושטאַנד. די אַרומרינגלדיקע פעלקער האָבן כוח און מוח. אַז אונדזערע ליטעראַטור זאָל טאַקע זײַן דאָס עכאָ פון אונדזער פאָלק אָן צו־מישעכצער, איז זייער שווער. ס'איז נישט קיין חילוק בײַ דעם אָבער, צי מיר שרײַב'מיר לשון קודש, צי יידיש. דער חסרון פון קאָמפּאַקטקייט שנײַדט טיף אין אונדזער לײַב און לעבן אַרײַן.

ס'איז טרויריק, אָבער ס'מוז נישט זײַן אַזוי. ס'איז אויך תמיד נישט אַזוי געווען. אין געגנטייל, דאָרט ווו ס'איז דאָ כוח, מאַכט יעדער דרוק אַ קעגן־דרוק, קומט פון יעדן אײַנפלוס נאָך אַ שטאַרקער אַרויסקוואַלן פון דער אייגענער ברון.

צעשטרייטקייט קאָן טיילמאָל דאָס שענסטע און בעסטע אַרויסברענגען: ווײַטקייט פון דעם האָריזאָנט, רײַכקייט פון פאַרבן, אַ זיסע מאָזאַיִק פון

טעמים. ס'רוב פון דער גריכישער קולטור איז אַנטשטאַנען דאָרט ווו די
גריכן זענען געווען מינאָריטעטן, דאָרט ווו די גריכן האָבן געלעבט אין קאָ=
לאָניען ווי אויף אינזעלן און אין מיטן פון פרעמדע פעלקער. אויף דעם
ברעג פון קליינאַזיען, צווישן אַ געוואַלט פון די פאַרשידנסטע קולטור=נאַציעס,
האָבן די קופּקעלעך העלענען אין זייערע פּאָר שטעטלעך דאָרט געזונגען די
איליאַס און די אָדיסעע און אָנגעצונדן דאָס ערשטע ליכטל פון מענטשלעך דענ=
קען, די יאָנישע פילאָזאָפיע. אין דרום=איטאַליען, געטרענט דורך אַ ים, האָבן די
גריכישע עמיגראַנטן פון זיך אַרויסגעגעבן די עלעאַטישע פילאָזאָפן און די
פּיטאַגאָרעיִשע שקאָלע און עמפּעדאָקלעס און שפּעטער דעם גרויסן בוקאָלישן
פּאָעט טעאָקריטאָס. אַריסטאָטעלעס' וויג איז גאָר נישט געשטאַנען אין העי=
לאַס, נאָר אין אַ קאָלאָניע, צווישן מאַצעדאָנישע באַרבאַרן. די גריכישע
וויסנשאַפט ווי די נעאָפּלאַטאָנישע מיסטיק זענען געוואַקסן אין מצרים און
סיריען.

שטאַרקע נשמות האָבן אין זייער האַרץ זייער פעסטונג. דאָרט ווו זייער
הויז איז, דאָרט בויען זיי זייער היים, דאָרט שאַפן זיי זייער פאָטערלאַנד,
דאָרט איז אַ צווייַג פון דער מעטראָפּאָל.

מען באַדאַרף נישט מער האָבן ווי די פּאָליאַקן. אין דער ליטע זענען
זיי אַ מינאָריטעט אַ באַדריקטע, פון אַלע זייַטן די גרויסע רוסישע קולטור
מיט נאַגייַקעס, און טראָץ דעם זענען די בעסטע פּוילישע דיכטער געבוירן
אין דער ליטע. די מאַסן פון פרעמדע, דער דרוק, האָט זיי גערייצט צו אָנ=
שטרענגונגען, צו גאָך גרעסערע לייַסטונגען.

אַז דאָס יידישקייט וויל זיך נישט צעשמעלצן אין אייראָפּע, אַז דאָס
יידישקייט וויל נאָך דער נאַכט פון דעם געטאָ נאָך אַ אייגענעם מאָרגנשטערן
דערזען, מוז עס זיך צו שטאַרק לעבן אויפכאַפּן, און דעמאָלט וועט די לי=
טעראַטור אַ טיפע און קרעפטיקע זיין. וויל דאָס יידישקייט נאָך אַ צוקונפט
האָבן און זעלבשטענדיק זייַן, דעמאָלט מוז עס האַלטן דאָס יידישע לשון
פאַר אַ נאַציאָנאַל לשון און זיך אין אים מיט מייַסטערווערקן פאַרשאַנצן.
אין דעם „פאָלקס=לשון" קלינגט אַ מוראדיק יאוש, קלינגט עפּעס ווי דער קול
פון דעם וואָס ער שרייַבט אַ צוואָה. מען גלייבט שוין נית אין דער אייגענער
לעבנסקראַפט.

## VII

אַצונדערט קומ'מיר צו אַ פרישער און וויכטיקער שאלה. אַז יידיש
איז אונדזער נאַציאָנאַל לשון, ווי שטעל'מיר זיך צום לשון=הקודש? לשון=
הקודש איז אַ שפּראַך וואָס לעבט נאָר אין ביכער, און אַזוי זאָל עס אויך
ווייַטער בלייַבן אַ ספרים=לשון. ס'איז אַ פּראָסטער חלום, אַז לשון=קודש זאָל
אַמאָל בייַ די פאַרשפּרייטע מינאָריטעטן פון אַ האַלבן וועלטטייל קענען צוריק
ווערן די שפּראַך פון דעם לעבן. וואָס אַ קאָנצענטראַציע פון יידן אין ארץ=

ישראל אין דעם באַלאַנג וועט קענען טון, ווייסן מיר נישט. ווײל דעם וואָס גלייבט, ס'איז אַ שאָד פּשוט די מי. יעדע פאַרשווענדונג פון כוח איז אומזיסט. ס'איז אַ ווילדע כימערע, אַז דאָס פּראָסטע פאָלק זאָל אַ שפּראַך וואָס עס עקזיסטירט נאָר אין ביכער אַזוי ווײַט דערלערנען, אַז ס'זאָל זי קענען רופן זײַן אייגן.

לשון-קודש האָט זיך שוין לענגער ווי פאַר צוויי טויזנט יאָר געזעגנט מיט דעם לעבן. לשון-קודש איז אין די הײַנטיקע פאַרהעלטניסע פאַר די יידן פון גלות די שפּראַך פון אַמאָל, דאָס נאַציאָנאַל לשון פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט. יידיש איז די שפּראַך פון הײַנט. דאָס לעבן, דער הײַנט מוז יידיש אויסגעדריקט ווערן. דער נעכטן, די וויסנשאַפט, די פאָרשונג, דאָס פאַרטיפעכץ אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט קאָן און זאָל אין לשון-קודש ווײַטער האָבן זײַן שפּראַך-אָרגאַן. לשון-קודש זאָל אונדז פאַרבינדן מיט אונדזער פאַרגאַנגעהייט. און מיר יידן מוזן האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט, אויף וואָס מיר זאָל'מיר קאָנען אין דעם גרויען שפּלות פון דעם גלות צוריקקוקן. אונדז מוז'מיר האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָל קענען מיט איר גלאַנץ אונדז טרייסטן אין די נאַציאָנאַלע נויטן, וואָס זאָל אונדזער פאַרחלשדיקע נשמה שטאַרקן, אונדזערע קעפּ הייבן, אין אונדזערע ווונדן באַלזאַם גיסן. אונדז מוז'מיר האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָל דורך דעם דערמאָנען פון בעסערע ליכטיקערע צײַטן אונדז אַריבערפירן איבער דעם טונקעלן און מוראדיקן וואָכנטאָג פון צער און יסורים.

דאָס לעבן אָבער (מינדעסט אין די לענדער פון צפון) מוז און קאָן נאָר יידיש אויסקלינגען. לשון-קודש איז פאַר דעם לעבן אַ קונץ-שפּראַך. ווען מען זאָל אַפילו האָבן ווערטער פאַר אַלץ אין דער וועלט און אין דער נשמה, זענען דאָס פאַרשטיינערטע ווערטער, אָן אַ פּסיכישן הינטערגרונד, אָן אַ יסוד אין דער זעלע, אָן נערוו און פּולס, זענען אַ מומיע, וואָס מעג האָבן אַ פּנים ווי אַ לעבעדיקער, אַלע אברים אויסזען נאַטירלעך, דאָס האַרץ שלאָגט אָבער נישט מער.

אַ לשון וואָס קלינגט נישט אויף דער גאַס איז נישט עלאַסטיש געניוג, אַז ס'זאָל קענען ווידערשפּיגלען די גאַס, איז נישט פיין געניוג, אַז מ'זאָל קענען ווידערגעבן די געפילע וואָס שטורמען און ברויען אין האַרץ, איז צו שטײַף און האַרט, אַז עס זאָל קענען צייכנען ווי אַ פּינדזל פון אַ מײַסטער די ציטערנישן פון דער נשמה, די קליינטשיקע ניואַנסן פון שטימונגען. וואָרן פילן שטאַרק און טיף קאָן מען נאָר אין אַ לשון וואָס מען רעדט פון קינדוויי‍ז אָן, אָדער וואָס מען האָט זי דערלערנט פון מענטשן וואָס רעדן דאָס לשון פון קינדווײַז אָן. אַ נאַטירלעך לעבעדיק לשון איז נאָר אַזאַ לשון, וואָס מען קען אין זײַן גייסט זיך אַרײַנוואַקסן, אין זײַנע זעלישע געהיימניסע אַרײַנלעבן, אין זײַנע קלענגע, אין זײַנע שאַטירונגען. אין זײַנע בילדער, אין זײַן פאַרבאָרגענער מוזיק אַרײַנפילן.

ס'איז אויך פאַרדעם אָנצונעמען, אַז אויך די בעלעטריסטיק קאָן קיין

צוקונפט אין לשון־קודש פונעם גלות נישט האָבן. מען האָט קיינמאָל נישט אין אייראָפּע אין לה"ק מער שיינע ליטעראַטור געפּלעגט ווי אַ ביסל רעטאָריש־לירישע און רעליגיעזע פּאָעזיע. דער אינסטינקט פון דעם עולם האָט ריכטיק געפירט. די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט זייער אמתדיק געלונגענע העברעיִשע ערציילונגען, און די דאָזיקע זענען ווי לעבעדיק אויס דעם יידישן אַרויסגענומען. דאָס געמיט, די אַסאָציאַציעס פון געפילע, די צונויפקניפּעכצער פון סוביעקטיווע עמפּפינדונגען זענען קיינמאָל ניט קיין לשון־קודש, און אין דעם בעסטן פאַל נאָר יידיש. די שרייבערס וואָס שרייבן דערציילונגען, לשון־קודש און יידיש, שרייבן תמיד בעסער יידיש ווי לשון־קודש. באַטלאָבער איז געווען אין לה"ק אַ מאַטער פּאָעט, און זיינע יידישע פאָלקסלידער ווייזן אויף טאַלענט. גאָלדפאַדען אין זיינע „ציצים ופרחים" איז נאָך אַ סך וויניקער ווי אין זיינע דראַמען. י. ל. גאָרדאָן האָט נאָר מחבר געווען אַ פּאָר לידלעך אין יידישן, און דאָס זענען פּערל, וואָס איבערטרעפן מיט זייער נאַטירלעכקייט און אמתדיקייט זיינע שירים. פּרץ און מענדעלע מוכר־ספרים לאָזן זיך גאָר נישט פאַרגלייכן זייערע יידישע מייסטערווערקע מיט זייער העברעיִש. מען קען די ליסטע פון די דאָזיקע שרייבערס נאָך אַ סך פאַרלענגערן. די העברעיִשע בעלעטריסטיק פון היינט קען קיין גרויסע צוקונפט נישט האָבן. אַז אונדזער יידישקייט איז נישט קיין פאַרפאַלמעצט ביזאַנטיזמוס, אַז אונדזער פאָלק לעבט נישט אויס טויבער, שווערפעליקער אינערציע, נאָר אויס טיפן חשק צום לעבן, וועט די אייגנאַרטיקע ראָמאַנטיק פון לשון־קודש באַלד צעפליען. אַ עקזאָטישע בלום וואָס מען האָדעוועט אין אַ אָראַנזשעריע קען אויף פרייער לופט נישט בליען.

אונדזער לשון פון דעם לעבן וועט יידיש זיין, און אונדזערע וויסנשאַפט העברעיִש. פון דער היסטאָריע קען מען זיך נישט אָפּטרייסלען, ווי מאַנכע עקסטרעמיסטן וואָלטן ווידער פאַרקערט געוואָלט. די היסטאָריע איז ניט קיין צופעליקע זאַך וואָס מען טוט מיט איר ווי מען וויל, וואָס מען קען זי ענדערן פון היינט אויף מאָרגן.

רוב פעלקער האָבן אַחוץ זייער אייגן לעבעדיק לשון נאָך איין לשון פאַר געוויסע צוועקן. דער אַסיריער האָט סומעריש אַ סך פון זיינע אורקונדן מחבר געווען, דער רוימער האָט עטרוסקיש לאַנג פאַר דער שפּראַך פון זיינע טעמפּל געהאַלטן. דאָס רוימישע איז געווען ביז פאַר עטלעכע הונדערט יאָר די איינציקע אָפיציעלע ליטעראַטור־שפּראַך פון אייראָפּע. די גריכיש־אָרטאָדאָקסע סלאַווען און רומענען האָבן אַ סך הונדערטע יאָרן דאָס אַלט־סלאַוויש פאַר זייער ליטעראַטור־שפּראַך געהאַלטן. די עגיפּטישע קריסטן וואָס רעדן אַראַביש שרייבן נאָך קאָפּטיש; די מעזאָפּאָטאַמישע קריסטן, וואָס זייער היינטיק לשון איז אַראַביש, שרייבן זייערע רעליגיאָנס־ענינים אַראַמעיִש. די אַביסיניער וואָס שמועסן אַמהאַראַ האַלטן נאָך תמיד דזשעז צו זייער שריפט־געברויך. די בראַהמאַנען, וואָס פאַר אַ לשון זיי רעדן, שרייבן נאָך תמיד

סאַנסקריט. די מאַהאָמעדאַנער פון אַלע לענדער באַטראַכטן אַראַביש פאַר דער שפּראַך פון זייער רעליגיעזן קולטוס. שפּראַכן, זע'מיר אַ סך מאָל, וואָס זייער נשמה איז שוין לאַנג פון זיי אַרויסגעפלויגן, באַהערשן נאָך טייל ליטעראַטור־געביטע.

דאָס לשון־קודש קען בײַ אונדז אַ גרעסערע ראָלע שפּילן ווי נאָר אַ לשון פון דער סינאַגאָגע און דער אמונה. אַחוץ רבנישע תשובות, דרשות און דערגלײַכן זאָל מען אין איר דעם יידישן גייסט, דעם יידישן מוח אויסדריקן. טראַדיציאָנעלע פּאָעזיע, פּובליציסטיק, פּאָליטישע צײַטונגען קאָנען נישט שאַטן. אין דער רענעסאַנס, ווען אַ דאַנטע, אַ פּעטראַרקאַ, אַ טאַסאָ האָבן געבליט, האָט מען אויך דאָס קלאַסישסטע לאַטײַן געשריבן. שפּעציעל בײַ אונדז, ווו ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן ערנסטער ליטעראַטור, וועלן יידיש און לשון־קודש קאָנען זײַן גוטע שכנים. אַ סך, אַ סך יאָרן, ווען אין מערב־אייראָפּע איז שוין הויך געבליט די שיינע ליטעראַטור אין די לאַנדעס־שפּראַכן, האָט דאָס לאַטײַנישע נאָך תמיד געדינט פאַר ערנסטע צוועקן. אין דײַטשלאַנד זענען נישט קיין סך מער ווי הונדערט פופציק יאָר, צײַט יאָהאַן קריסטיאַן וואָלף האָט געמאַכט די התחלה איבער פילאָזאָפישע ענינים דײַטש צו שרײַבן. פראַנקרײַך האָט אין קאַרטעזיוס (דעקאַרט) ערשט דעם ערשטן דענקער געפונען, וואָס ער האָט זײַנע מחשבות פראַנצייזיש געשריבן.

מיר באַדאַרפן נישט מורא האָבן, אַז לשון־קודש וועט דעם זעלבן סוף האָבן ווי דאָס לאַטײַן. דאָס לאַטײַן איז געווען אַ לשון פון אַ ברוטאַלער היעראַרכיע, פון גלחישע פּריצים, די מלחמה איז אייגנטלעך געווען אַקעגן דער שוואַרצער חברה פון רוים. דאָס לאַטײַן האָט נאָך דערצו געשטרעבט צו דערשטיקן די לאַנדעס־שפּראַכן. און דענאָך איז דאָס אַ טעות, אַז לאַטײַן עקזיסטירט שוין נישט פאַר דער ליטעראַטור. נאָך הײַנט איז לאַטײַן די שפּראַך פון דעם פּאָרטראָג און פון די דיסערטאַציעס אויף אַלע קאַטוילישע פאַקולטעטן און סעמינאַריען, און נאָך אַ סך פילאָלאָגישע, שפּעציעל אָריענטאַליסטישע שריפטן שרײַבט מען לאַטײַניש. אונדזער לשון־קודש איז תמיד געווען דעמאָקראַטיש, קיין רבנים האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט אויס דעם לה"ק אַ ווערקצײַג פון זייערטוועגן.

ס'איז קיינמאָל בײַ אונדז נישט געווען אַ אייגנטלעכע אָרגאַניזאַציע פון רבנים. די ראָלע פון אַ רב אונטערשיידט זיך געוואַלטיק פון דער ראָלע פון אַ קאַטוילישן גלח. דאָס מאָטיוו פון דער קאַמפּאַניע קעגן דאָס לאַטײַנישע פעלט בײַ אונדזער לשון־קודש. אין געגנטייל, דאָס לשון־קודש וועט תמיד אַ בעדירפניס בלײַבן, כדי אונז צו פאַראייניקן מיט אונדזערע ברידער, און ס'וועט קיינמאָל — אַזוי לאַנג ווי אונדזער פאָלק וועט עקזיסטירן — נישט אויפהערן בײַ אַ געוויסער באַלעבאַטים־שיכט געפלעגט צו ווערן.

דער פחד, אַז בײַ צוויי לשונות וועלן זיך קאַטטן אַרויסבילדן, איז נישט באַגרינדעט. דאָרטן ווו ס'איז מעגלעך פון איין שיכט צו דער צווייטער

איבערצוגיין, דאָרט איז קיין קאַסטן ניט פאַרהאַנגען. שמועסן וועט דאָך יעדער יידיש, די יידישע בעלעטריסטיק וועט יעדנס מאכל זײַן. נאָר די העכער-געבילדעטע וועלן אויך לשון-קודש לייענען. ווער וועט שטערן דעם, וואָס ער לייענט נאָר יידיש, זיך לה״ק אויסצולערנען?

די שרײַבערס וועלן קענען אין ביידע שפּראַכן זיך אויסדריקן. שוין הײַנט זע׳מיר, אַז אַ גרויס חלק פון די העברעיִשע שריפטשטעלער שרײַבט יידיש. די באַגרינדערס פון דער יידישער ליטעראַטור זענען לויטער העברעיִשע שריפטשטעלער. ווען אונדז וועל׳מיר אַפילו אָפּזען דערפון, זענען קאַסטן, וואָס זייער חילוק זאָלן שפּראַכן זײַן, נישטאָ. ווען ס׳קומט, אַז אַ פאָלק מיט איין לשון באַזעצט זיך אין אַ לאַנד מיט ווידער אַן אַנדער לשון, דעמאָלט מוז תמיד איין לשון פון דעם לעבן ווײַכן. טיילמאָל, ווי אין די ראָמאַנישע לענדער, אין מזרח-דײַטשלאַנד, אין די רוסישע סטעפּן אאַז״וו, נעמט דאָס פאָלק אָן דאָס לשון פון די זיגערס, פון דער אייבערשטער שיכט; טיילמאָל ווידער פאַרקערט נעמען די פרעמדע אײַנדרינגלערס אָן דאָס לשון פון די עראָבערטע, ווי די היקסאָס אין מצרים, די לאָמבאַרדן אין איטאַליען, די מאַנדזשורן אין כינאַ, די נאָרמאַנען אין רוסלאַנד אאַז״וו. שפּראַכלעכע קאַסטן זענען נישט האַלטבאַר, ווײַל ווען צוויי שפּראַכן ווילן גלײַך דינען צו די צוועקן פון דעם לעבן, מוז צווישן זיי קומען צו אַ צוזאַמענשטויס, און איינע מוז פאַלן. ווען די העברעיִסטן וועלן זיך אויף איבערגריפע ערלויבן, דעמאָלט וועלן זיי אַוועקגעקערט ווערן דורך דעם לעבעדיקן כוח פון דעם פאָלק. וועלן זיי אָבער פרידלעך זיך מיט ספרים באַשעפטיקן און קיינע אויפטועכצער זוכן, דעמאָלט וועט דאָס לשון-קודש אומגעשטערט בלײַבן צום נוצן פון דאָס יידישקייט.

דאָס איינציק לשון וואָס קען רעדן צו אונדזער יידיש האַרץ איז אונדזער יידיש. די נאַציאָנאַלע טענות פון די העברעיִסטן זענען ניכטיק. דער עולם איז הײַנט דעמאָקראַטיש און וויל זיך נישט באַגנוגן, אַז דאָרט אויבן זענען דאָ מענטשן וואָס שרײַבן ספרים אין דעם לשון פון דעם סידורל און מאַכן מעשיות וואָס קלינגען ווי די הפטורה. דער עולם וויל אין זײַן אייגן לשון זײַן צײַט צעשטרייען מיט ראָמאַנען, זײַנע געפילן ערגעצן מיט פּאָעזיע, זײַן גייסט פאַרטיפן מיט וויסן. און אַחוץ דעם, אַפילו רוב פון די יידישע אַריסטאָקראַטן פון דעם גייסט פאַרשטייען נישט קיין שײַטל עברי. נאָר אַ פיצינקעלע טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ איז אים שטאַנד צו לייענען לשון-קודש. אַפילו דאָרט אויבן איז העברעיִש נאָר באַגרענעצט אויף אַ קליין הײַפל. ס׳איז פאַרדעם אָן זין דער ווילן פון אַ טייל העברעיִסטן צו האַלטן די יידישע ליטעראַטור פאַר אַ אַרט זשאַנר, פאַר אַ מין ליטעראַריש שפּילעכל אין דעם דיאַלעקט פון אַ פאָלקס-שטאַם.

יידיש איז אַ דיאַלעקט — פון וועלכער שפּראַך? פון לשון-קודש? וואָס פאַר אַ דיאַלעקט איז דאָס, ווו 80 פּראָצענט, ווען נישט מער, ווערטער זע-

נען נישט סעמיטיש און די גראַמאַטיק, טראָץ דעם סטעמפּל פון דער יידי־שער אייגנאַרט, איז אַ פרעמדע. יעדער דיאַלעקט מוז האָבן די זעלבע גראַ־מאַטיק און אַ גרויסן רוב פון ווערטער וואָס די ליטעראַטור־שפּראַך האָט, זאָנסט איז דאָס נישט קיין דיאַלעקט נאָר אַ זעלבשטענדיק לשון.

דאָס זעען מיר אַ סך מאָל ביי דער אַנטוויקלונג פון שפּראַכן, אַז ווען ס'ווערט גרויס די צווישנשייד צווישן דער שפּראַך פון די ספרים און דער שפּראַך פון דעם אומגעבילדעטן עולם, דעמאָלט מוז קומען אַ נייע שפּראַך אין די סאַלעס פון דער ליטעראַטור אַריין. אין אינדיען איז אַזוי געשען מיט דעם סאַנסקריט, ביי אונדז בזמן התלמוד מיט דעם לשון־קודש, ביי די גריכן מיט דעם אַלטגריכישן, ביי די דייטשן מיט דעם אַלט־און מיטל־הויכדייטשן אאַז"וו.

אָדער שטאָט דער איינציקער שפּראַך פון פריער קומען עטלעכע שפּראַכן, דיאַלעקטע פון פאַרשידענע שטעמע, צו זייער רעכט. דאָס זע'מיר ביי די סלאַווישע, ביי די ראָמאַנישע און נאָך ביי אַ סך אַנדערע פעלקער. דאָס שטאַטס־אינטערעס אין אייראָפּע איז אַ סך מאָל קעגן דאָס געזעץ פון דער אינדיווידואַליזאַציע פאָרגעגאַנגען און ס'האָט דיאַלעקטע נישט געלאָזט אויפ־קומען צו זעלבשטענדיקייט, אָבער ס'האָט נישט תמיד געהאָלפן. דער דיאַלעקט וואָס איז שטאַרק מחולק פון דער אָפיציעלער שפּראַך, דער קען דורך דער אָפיציעלער שפּראַך נישט פאַרדרענגט ווערן. די וואָס רעדן דעם דאָזיקן דיאַ־לעקט האָבן שוין זאָלכע זעלישע באַדערפנישע, וואָס לאָזן זיך נישט אין קיין אַנדערער שפּראַך אויסדריקן. דער זיד־פראַנצייזישער דיאַלעקט למשל איז אין מיטלאַלטער געווען אַ לשון מיט אייגענער ליטעראַטור. דער פראַנצייזישער צענטראַליזמוס האָט אים געוואָלט צעדושען. ס'האָט נישט געהאָלפן — זייט הונדערט יאָר האָבן זיי צוריק אַ אייגענע ליטעראַטור. די קאַטאַלאָניער אין שפּאַניען, ווי זיי האָבן דערשפּירט, אַז זייער דיאַלעקט איז אַזוי אייגנאַרטיק אַז דאָס שפּאַניש פון קאַסטיליען איז זיי פרעמד, האָבן זיי אָנגעהויבן קאַטאַ־לאָניש צו שרייבן.

מען ווייזט געוויינלעך, אַז די דייטשע דיאַלעקטע זענען נישט פאַר־שטענדלעך פאַר דעם הויכדייטשן, און דענאָך זענען זיי צווייגן פון דעם זעלבן לשון. ס'איז אָבער נישט ווי ס'דאַכט זיך אָבערפלעכלעך. ביז לוטער האָט נישט עקזיסטירט קיין איינהייטלעכע דייטשע שפּראַך. יעדער שטאַם האָט געהאַט בייטיק זיינע היסטאָריעס, זיינע געפילע, זיינע חלומות אין זיין איי־גענער באַזונדערער פאָרם אויסצודריקן. אינטערעסן פון דער רייכסקאַנצליי, דער פּראָטעסטאַנטיזמוס אד"גל האָבן גורם געווען צו דערהייבונג פון איין געקינצלט דיאַלעקט צו דער אָפיציעלער שפּראַך פון דייטשלאַנד. אָבער ס'איז נישט לייכט געגאַנגען. נאָך אים זיבצענטן יאָרהונדערט האָבן גרויסע שרייבערס ווי לוירענבורג אים פּלאַטדייטשן מחבר געווען. היינט זע'מיר, אַז יעדער דייטשער דיאַלעקט ווי פּלאַט, פריזיש, שווייצעריש, ביירישׂ, שטייעריש

אַאַז"וו באַשטרעבט זיך צו באַשרײַבן שפּעציפישע בילדער אין זײַן שפּעציפיש שפּראַך. צוואַר הײַנט איז דאָס נאָך זשאַנר, מיט דער צײַט וועט מען אָבער צו דער איבערצײַגונג קומען, אַז זעלבשטענדיקע דיאַלעקטע זענען טאַקע שפּראַכן, נישט קיין פּעבל-רעדעכצער.

דאָס לעבן וועט דאָס רעכט באַווײַזן. די תמיד וואַקסנדע גרייס פון די דיאַלעקט-ליטעראַטורן ווײַזט, אַז דאָס דײַטשע פאָלק קען זיך שוין נישט אויסלעבן אין דעם הויכדײַטשן, אַז דאָס הויכדײַטשע איז אַ אינטעליגענץ-לשון געוואָרן, ד"ה עס געפינט זיך שוין אויף דעם וועג פון פאַרשטיינערונג. ס'איז נישט ווײַט די צײַט פון דער שפּראַכלעכער דיפערענציאַציע. שוין אים לויף פון דער געשיכטע האָט זיך די דאָזיקע דיפערענציאַציע באַוויזן דאָרטן ווו ס'האָט געפעלט אויסנווייניקער צוואַנג. ענגליש איז געווען ביז צום זעקסטן יאָרהונדערט אַ זעקסיש דיאַלעקט. נידערלענדיש איז ביז פאַר פיר הונדערט יאָר געווען אַ פּלאַטדײַטשער דיאַלעקט און הייסט נאָך ביז הײַנט אים ענגלישן „דײַטש" (Dutch). דיאַלעקטע זענען איבעראַל עטימאָלאָגיש איינס מיט דער אָפיציעלער שפּראַך, דער עיקר חילוק איז די פאָנעטיק און די סינטאַקס, און דענאָך גענוגט שוין אַ נישט-גרויסער חילוק צו פאַרטיפן אַ אָפּגרונט, — קל וחומר בײַ דעם יידישן, וואָס איז דאָך עטימאָלאָגיש און גראַמאַטיקאַליש אַ גאַנץ אַנדערע פילאָלאָגישע ערשײַנונג ווי דאָס העברעיִש. יידיש איז נישט קיין דיאַלעקט, נאָר טאַקע אַ זעלבשטענדיק לשון פון דער הײַנטיקער יידישער נאַציע.

## VIII

יידיש איז דאָס לשון פון דאָס יידישקייט. נאָר דאָס לשון אַליין קען אונדז היטן פאַר אַסימילאַציע, נאָר דאָס לשון אַליין קען אַ פאַנצער זײַן קעגן פרעמדע אַטאַקן. צי עמעצער איז יאָ אַ פרײַנד פון דעם יידישן צי נישט, איינס מוז ער מודה זײַן, אַז אים גרויסן און אים גאַנצן, דאָרטן ווו מען הערט אויף יידיש צו שמועסן, דאָרט פאָרט אַרײַן דער מלאך-המות פון נאַציאָנאַלער פאַנעגפלוכט; אַז ווען מען זאָל שמועסן שטאָט יידיש אין רוס-לאַנד רוסיש, אין דער ליטע ווײַסרוסיש און ליטוואַקיש, אין פוילן פויליש, אין דער אוקראַינע רוטעניש, אין גאַליציען פויליש און רוטעניש, אין רומעני-ען רומעניש, אין אונגאַרן אונגאַריש, קראָאַטיש אאַז"וו, דעמאָלט וואָלט געפעלט יעדער באַנד פאַר דאָס הײַנט נאָך איינהייטלעכע יידישקייט, און צעברעקלט וואָלט עס זיך געמוזט אויפלייזן צווישן די שכנים. אָן אַחדות, אָן אַ מיטל זיך צו פאַרשטענדיקן וואָלט די יידישע נאַציע צעשמאָלצן געוואָרן. דאָס קען'מיר זען אין מערב-אייראָפּע, ווו רוב יידן האָבן פריער אַשכנזיש געשמועסט, און הײַנט, זײַט זיי האָבן זיך אַסימילירט, זענען זיי צווישן זיך ווי פרעמדע.

די העברעיִסטן זענען זיך שטאַרק טועה, אַז די קרעפטיקונג פון דעם יידישן וועט שאַדן דעם לשון-קודש. ס'האָט זיך נישט געטראָפן, אַז עמעצער

וועקסלט זיין יידיש אין דעם טעגלעכן לעבן מיט דעם העברעישן; דאָרט ווו ס׳שווייגט דאָס יידיש, דאָרט פאַרשטומט אויך דאָס יידישקייט, דאָרט חלומט זיך קיינעם נישט העברעיש צו רעדן אום וואָכן־טאָג, דאָרט ערדונגערט די לאַנדעס־שפּראַך. און מיט דער צייט, אַז נישט אין דעם ערשטן, איז דאָס אים צווייטן דור, טריומפירט די אַסימילאַציע מיט אירע ראַדיקאַלע פאָלגן.

דאָס יידישע לשון באַדאַרפט קרעפטיקונג, חיזוק, די מויער וואָס האַלט צוזאַמען אונדזער פאָלק פאַר אויפלייזונג האָט אַ סך גריכע, לייכטזין פון אינעווייניק, שטורמען פון פרעמדע איינפליסע פון דרויסן דערשיטערן די מויער תמיד מער. נישט נאָר אַלעמאָל ווערט גרעסער די צאָל פון די דאָזיקע יידן, וואָס הערן אויף, טראָץ זייער פאַטריאָטיזם, יידיש צו רעדן; אַפילו די וואָס רעדן יידיש מישן אָן אַ באַדאַרף אַלעמאָל מער פרעמדע ווערטער אַריין אויף אַ באַרבאַרישן אופן.

מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן, אונדז אַלע, צי זשאַרגאָניסטן צי העברעיסטן, צי אונדז האַלט׳מיר דאָס יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך צו פאַר אַ צופעליק דיאַלעקט, אַז מען זאָל דאָס לשון, וואָס איז נאָך דער ועליגיאָן דער אייגציקער פאָדעם וואָס דערהאַלט דאָס אַחדות פון אונדזערע מזרח־יידן (די ספרדים האָבן דורך דעם חסרון פון אַ שפּראַך קיין שום אַחדות, אַפילו משדך זיין ווילן זיי זיך נישט מיט אונדז), נישט לאָזן אונטערגיין. לויט דעם הייניטיקן שטאַנד, לויט דער קעלט פון דעם עולם אַקעגן יידיש, קען מען נישט צו אונדזער שפּראַך אַ גרויסע צוקונפט פראָפעצייען. ווען ס׳פירט זיך ווי ביז היינט, איז נאָך צוויי, דריי דורות, און קיין שלאַד וועט נישט בלייבן פון דעם לשון, וואָס דורך הונדערטער יאָרן האָט זיך אונדזער פאָלק אַריינגעלעבט און קונצפול פאַראַרבעט.

דער חוב פון דעם יידישן פאָלק איז זיך אויפצוּוועקן פון דער סוגערירטער פאַראַכטונג און זיך באַוווסט צו ווערן וואָס זיין לשון איז און וויפיל חשיבות ס׳האָט פאַר זיין ווייטערן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד. דאָס יידישע פאָלק מוז צו דער ידיעה קומען, דאָס אַ שפּראַך וואָס מען האָט עס פאַרדייעט און זיין נשמה אַריינגעדעכעט איז הייליק און ס׳איז אַ גרויסע זינד קעגן דער אייגענער צוקונפט די דאָזיקע שפּראַך צו לאָזן שטאַרבן.

מיר וואָס ערקלערן אונדזער אַשכנזיש פאַר דאָס לשון פון דער יידישער נאַציע, מיינ׳מיר נישט מיט דעם עפּעס גאַנץ נייעס צו שאַפן, אַ פרישׁ יידישקייט צו מאַכן, די היסטאָרישע קאָנטינואַציע צו לייקנען, אַלע בריקן וואָס פאַרבינדן אונדז מיט דעם וואָס איז אַמאָל געווען צו פאַרברענען, ניין! אונדז זענ׳מיר אַלס יידיש־שמועסנדיקע נאָר ממשיך דעם פאָדעם פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דאָס יידיש איז קיינמאָל נישט אַבּרופּט ווי אַ בליץ פון דעם העלן הימל צו אונדז אַריינגעפאַלן. פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, מיט פּאַמעלעכדיקע שריט איז דאָס לשון אַריין אין אונדזערע געצעלטן. פּאַוואָליע, פּאַוואָליע האָט מען דעם גערמאַנישן שטאָף אַריינגעזייגט, פאַרקייט, פאַרדייט, אין

זיין אייגן פלייש און בלוט פאַראַרבעט. דאָס יידיש פון היינט איז אַ פּראָדוקט פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס וואָס האָט געדויערט הונדערטער יאָרן. אונדז האָב'מיר נישט נאָר דאָס דאָזיקע לשון אומגעפורעמט, ווייטער אַנטוויקלט, זעלבשטענדיק געזעצע געגעבן. אונדז האָב'מיר מער געטון, אונדז האָב'מיר דאָס לשון צוגעפּאַסט צו אונדזער שפּראַכגעפיל, צו דער פּסיכע פון אונדזער פאָלק, צו דער לינגוויסטישער פאַראַנלאַגונג, ביז ס'איז געלונגען דאָס ווערקצייג אין וועלכן ס'קאָן זיך אונדזערע נשמה אמתדיק און נאַטירלעך אָפּנבאַרן.

דאָס יידיש איז אַ המשך פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס באַווייזט, אַז אַ חשובדיקער טייל פון די ווערטער קומט אַרויס פון דעם לשון-קודש. נישט דווקא ווערטער פאַר רעליגיעזע באַגריפן אָדער מנהגים, ווי מען קלערט געוויינלעך. דאָס לעבן פון דער נשמה, דאָס בית-המקדש פון דעם אינעווייניקן מענטש, ווערט צו-מייסט העברעיש אויסגעדריקט. דער ייד האָט פאַרשפּירט פאַר אַ חילול, אַז אויך דאָ זאָלן זיך פרעמדע אַרומפּאָרען. דאָס גאַנצע סובּיעקט קאָן זיך אויסלעבן לשון-קודש, היינו: נשמה, שכל, חכם, בר-דעת, תלמיד-חכם, למדן, עלוי, עמוק, דעה, סברה, חכמה, שוטה, פּתי, משוגע, חלום, טעות, שקר, וודאי, אמת, תופס זיין, משיג, מרגיש, בחוש, מחשבה, ידיעה, פּלא, נס, מופת, ברירה, טענה, עצה, יושר, עוולה, חסרון, מעלה, כבוד, שם, גאווה, ענוו, שפלות, חצוף, עז פּנים, קנאה, חניפה, ליצנות, חושד, בושה, חרפּה, פּחד, מורא, אימה, צער, יסורים, סכנה, צרה, יללה, כעס, עקשנות, נקמה, מתיאש, חרטה, תשובה, צדקה, מצווה, רצון, חשק, בטחון, חזוק, רחמנות, חסד, חן, מנוחה, תענוג, תכלית, ברכה, מזל, הצלחה, שלום, שמחה, טעם אאַז"וו. מוזיק איז דאָס לשון פון דעם סובּיעקט, פון דעם נפש. מוזיק איז דער געגנזאַץ פון דעם רעאַלן, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן, איז דיאָביזיש, אינעווייניקער רויש, אים געגנזאַץ צו דעם אַפּאָלינישן, דאָס וואָס לאָזט זיך אין בילדער פאָרשטעלן. פאַרדעם ווערט אויך די מוזיק מיט לשון-קודש-ווערטער באַצייכנט: נגון, זמר, שיר, קול, מתיקות, משורר אאַז"וו. די צייט איז נאָר אַ פאָרשטעלונג, אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשלעכן גייסט, די צייט עקזיסטירט נאָר אין דעם מוח פון דעם באַטראַכטנדיקן, נאָר אים סובּיעקטיוון באַוווסטזיין, די צייט-באַגריפע האָבן פאַר דעם אויך לשון-קודשע נעמען: רגע, שעה, מעת-לעת, זמן, חודש, תיכף, קודם, תמיד, שהיה אאַז"וו.

דאָס העברעיִשע רעפּרעזענטירט אין דעם יידישן דאָס זעליש-קולטורעלע עלעמענט. דאָס רעאַלע שטייט אַחוץ פון די רעמען. רעדעטיילע וואָס גייען אויס צו באַטאָנען דאָס רעאַלע זענען מחמת דעם גערמאַניש, היינו דאָס אַדיעקטיוו, דאָס נומעראַלע, דאָס פּראָנאָמען און די פּרעפּאָזיציע. פאַרקערט ווייטער דאָס רעדעטייל, וואָס באַציט זיך אויף דאָס ווערב (פּעל) און וויל בטעים זיין דאָס וואָס געשעט און ס'קומט אין דער צייט פאָר, איז אַ סך מאָל לשון-קודש, איך מיין דאָס אַדווערב (תואַר הפּעל), ווי: בשום אופן, בסדר, במעט, מכּוח, בכן, היינו, מחמת, אפשר, בעיקר, פּשוט, אַפילו,

אַדרבא, אַוודאי, בפרט, בקיצור, דווקא, הכלל, הלוואַי, כדי, מכל=שכן, תמר(=טאָמער) אאַז"וו. און אויך ס'רוב ווען דאָס אַדווערב באַצייכנט עפּעס אַבסטראַקטעס ווי: פאַרחלומט, שכלדיק, אמתדיק, אאַז"וו.

נישט נאָר די נשמה איז העברעיִש געבליבן, אויך די גערעלשאַפט, דאָס מיליע אין וואָס דער ייד וואַקסט און לעבט איז העברעיִש געבליבן. ס'רוב פאַרהעלטניסע וואָס קומען פאָר אין דעם סאָציאַלן בוי זענען העברעיִש, היינו: סוחר, סחורה, עסק, משא=ומתן, מסחר, מוכר, קונה, יריד, מלווה, זול, יקרות, רווח, קרן, חשבון, סך, פּרנסה, הוצאָות, גביר, עשיר, נגיד, אביון, דלות, קבצן, חובות, נדבות, היזק, הלוואָה, צדקה, פּרוטה, אורח, עבודה, משא, בעל=מלאָכה, פּועל, בעל=עגלה, בשמים, קצב, שותף, משרת, תקיף, יורד, שונא, מחלוקת, רודף, מציל, חבר, שליח, עֵד, טענה, שבועה, מודה, מוסר, קהל, משפּט, פּסק, בעל=הבית, יורש, נחלה, צוואָה, חלק, רבים, כלל, יחיד, מועט, אַסיפה, ראָש, נשיא, חברה, גבאָים, במקום, קלפּי וכו'. אָבער נישט נאָר די יידישע סאָציאַלע פאַרהעלטניסע, אויך די גויִישע, ווי ווייט זיי רירן זיך אָן מיט די יידן, האָבן העברעיִשע באַצייכנונגען: מלוכה, קירה, מדינה, מלחמה, מנצח, חורבה, שריפה, שר, פּריץ, רוצח, גזלן (איך רעכנע דאָס פאַר גויִשע פאַרהעלטניסע) שופט, גלח, חג, צלב, בלבול, תפיסה, קנס, מיתה, הרגען, תלין, גזירה, שגץ, גוי, גלות, רשע, יין נסך וכו'.

טיילווייז זענען אויך ווערטער וואָס באַציען זיך אויף דעם מענטש גופא און אויף זיינע צושטענדע העברעיִש: גוף, מוח, גולם, דופק, חוש, טעם, ריח, פּנים, גבורה, כוח, חלשן, סגי=נהור, נכפה, שגעון, מרה=שחורה, קדחת. ווייטער: רופא, רפואה, סם, מחיה זיין, אויסערדעם: נפל, בחור, חתן, כלה, זקן, מת, שפחה, נקבה וכו'.

אינטערעסאַנט איז אויך ווי דער ייד האָט זיך געשטעלט צו דער באַצייכנונג פון מינים. די אידעען פון מינים, די גאַטונגס=באַגריפן עקזיסטירן באמת נישט אין דער ווירקלעכקייט. די פּלאַטאָנישע אידעען, די אָנשויונגען פון די מיטלאַלטערלעכע רעאַליסטן קערן שוין היינט צום אַלטן איזן. נאָר די איינצלנע ערשיינונגען זענען פאַראַנען. לויט דער נישט געוואָרטער פּסיכאָלאָגיע איז דער גאַטונגס=באַגריף נאָר אַ ווערק פון אַבסטראַהירעכץ. מיט דעם שכל מאַכ'מיר אונדז אַ נאָמען, וואָס אומפּאַסט אַ גאַנצע שרעגע פון זיך ענלעכע אינדיווידועז. די גאַטונגס=באַגריפע זענען פּראָדוקטן פון דעם סוביעקטיוון מענטש און הייסן אויך וועגן דעם לשון=קודש. למשל יעדעס מלבוש האָט זיך אים יידישן אַ אייגענעם נאָמען פון ערגעץ אַ לשון; אַלע צוזאַמען הייסן אָבער העברעיִש: מלבוש אָדער בגד, תכריכים. יעדעס עסנוואַרג ווערט גערופן פון דעם סלאַווישן אָדער דייטשן, צוזאַמען אָבער ווערן זיי באַצייכנט: מאכל. אַזוי ווייטער זענען נעמען פון מינים: כלים, מטבע, בעל=מלאָכה, משקה, פּירות, כלי=זיין, בהמות, חיות, עופות, מין וכו'. די זייטן פון דעם הימל זענען אויך לשון=קודש: מזרח, מערב, צפון, דרום, ווייל אויך זיי זענען בעיקר אַבסטראַקטאַ. פון די הימלסקערפּער האָט נאָר

די לבֿנה אַ העברעיִשן נאָמען. די מעלה קומט צו דער לבֿנה נישט נאָר ווייל דער ייד איז זי מחדש, מער מחמת די לבֿנה האָט ביי די סעמיטן אַ גרויסע באַדייטונג געהאַט. ביי די אַסירער איז דער גאָט פֿון דער לבֿנה, סין, קלענער געווען אַלס דער גאָט פֿון דער זון שאַמאַש. די לעצטע עבֿודה זרה ביי די סעמיטן איז געווען סין אין העלענאָפּאָליס. ענינים וואָס האָבן געהאַט חשיבֿות זענען, כאָטשע זיי זענען געווען רעאַל, העברעיִש געבליבן. אַזוי אויך דאָס ספר איז אַפֿילו אויסנווייניק לשון=קודש: ספר, אות, שורה, עמוד, דף, כּתבֿ=דפוס, סופר אאַז״וו. זאַכן וואָס דער ייד האָט אין אייראָפּאַ נישט געזען, האָט דאָס לעבן אים קיין פֿרישע ווערטער אויפֿגעדרענגט, און פֿאַרדעם האָט דער ייד די אַלטע העברעיִשע ווערטער באַהאַלטן: אַזוי דאָס ים און דעם מדבר. מדבריות קומען אין דעם קילן אייראָפּאַ נישט פֿאָר, ביי דעם ים אין צפֿון=דייטשלאַנד איז דער ייד ווייניק געזעסן.

פֿראַוודע, ווערטער זענען פֿאַר אַ לשון גלייכגילטיק, אָבער די קוואַליטעט, דאָס איכות פֿון די ווערטער איז אָבער פֿון חשיבֿות און ווייזט, אַז דאָס יידיש איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער יידישער נשמה, אַז זיינע העברעיִשע ווערטער זענען נישט קיין צופֿעליקע ערשיינונגען, נאָר קומען אַרויס פֿון אַ סיסטעמאַטישן איינפֿלוס, וואָס קוואַלט אַרויס פֿון דעם יידישן נאַציאָנאַל=גייסט.

דאָס דאָזיקע באַווייזן נאָך אַ סך מער די גראַמאַטיקאַלישע געזעצע. איך וויל אַ פּאָר צוברענגען. דאָס סובסטאַנטיוו איז עפּעס קאָנסטאַנטעס, ריימלעכעס; דאָס ווערבום עפּעס וואָס באַוועגט זיך, עפּעס צייטלעכעס. דער אַריער פֿאַרבינדט אין זיינע שפּראַכן סובסטאַנטיוויש, למשל דער דייטשע זאָגט: „דער קעניג וועלכער רעגירטע״ דער העברעער: „המלך אשר משל״. „וועלכער״ איז אַ פּראָנאָמען וואָס באַציט זיך אויף דאָס סובסטאַנטיוו, „אשר״ איז אַ אַדווערב, וואָס באַציט זיך אויף דאָס ווערב. דעם העברעישן אשר וואָלט אַנטשפּראָכן „וואָס״. דער ייד זאָגט טאַקע נישט ווי דער דייטשע, נאָר: „דער מלך וואָס ער האָט רעגירט״. ענלעך איז אויך אים יידישן דיאַלעקט אים נייגריכישן.

דער העברעער איז געווען זעליש טיף פֿאַראַנלאַגט, זיין נשמה איז תּמיד ווי אַ שטורמעדיקער ים, אייביק אין באַוועגונג, גאָרנישט פֿעסט, שטאַביל. דעם העברעער איז אַלדינג ערשינען דורך די ברילן פֿון דעם סוביעקט, ווי אין אַ ריקע, געריסן שטענדיק דורך די כוואַליעס פֿון דער צייט. מחמת דעם, פֿאַרדעם איז פֿאַר דעם ייד די צייט אַ אייביקער שטראָם, און ער אונטערשיידט שוואַך אירע טיילע. ס׳איז דאָ פּראָסטע דריי צייטן: עבֿר, עתיד, הווה, וואָס מישן זיך נאָך דערצו אַ סך מאָל אויס. אים געגנטייל דער אַריער, וואָס קוקט אויף אַלדינג אויסנווייניק, וואָס דאָס פּריזמאַט פֿון דער נשמה פֿאַרבט נישט זיינע אויגן, זעט די צייט ווי עפּעס וואָס שטייט און לאָזט זיך טיילן ווי אַ שטיק מאַטעריע. דער אַריער לעבט זיך אויס, פֿאַרקערט ווי דער סעמיט, אין דעם פֿליטקן פּנים פֿון דער וועלט, אין דעם פּלאַסטישן, אין דעם פּרעמדן רוים. דער אַריער האָט וועגן דעם אַ זשמעניע מיט צייטן, פּערפֿעקטן מיט

אימפּערפעקטן, עקזאַקטן, מעדיען און אַאָריסטן. די עפּישע פעלקער, ווי דער אינדיער פון דער מאַהאַבהאַראַטאַ, ווי דער גריכע פון האָמער, ווי דער פּערסע פון פירדוסי, ווי דער דײַטשע פון די ניבעלונגען, האָבן גרויסע קונצן באַוויזן אין טעמפּאָראַלע סובטיליטעטן. דער ייד, וואָס אין נשמה איז ער דער אַלטער ייד נאָך תמיד, האָט אים יידישן נאָר איין עבר און איין עתיד. „איך בין געווען, איך וועל זײַן"; צי די האַנדלונג איז שוין פאַרטיק און פּערפעקט צי נישט, גייט דעם ייד נישט אָן, ס'איז דאָך איין צײַט. דאָס אָפּטון פון צײַטן איז נישט קיין חסרון. אין אַ סך ראָמאַנישע דיאַלעקטע פעלן די פּערפעקטע, און דאָס אימפּערפעקט דינט פאַר בײדע פאָרמען. אויך אין פילע דײַטשע דיאַלעקטע קומט דאָס פאָר.

אַ פאָלק וואָס זעט די צײַט תמיד באַוועגלעך קאָן נישט זען צוויי זאַכן אויף אַ מאָל, גלײַכצײַטיק, קאָן נישט האָבן קיין פּאַרטיציפּ. דעם לשון-קודש פעלט דאַדורך די דאָזיקע פאָרם. דאָס אמתדיק יידיש געברויכט דאַדורך אויך נאָר זייער זעלטן פּאַרטיציפּ, וואָס איז בעיקר אַ אַדווערב-פאָרם. די יידישע בראָשירן-ליטעראַטור, וואָס איז אַ מיאוסע קאָפּיע פון פרעמדע ווערקע, האָט די דאָזיקע נישט נאַטירלעכע פאָרם עפּטער אים געברויך. מען באַדאַרפט דאָס נישט צולאָזן. שפּראַך-פעלער זענען שעדלעך פאַר אַ לשון.

די פאָרמען פון ווערבן זענען בײַ דעם העברעער זייער פּראָסטע. ס'איז נישט געווען בײַ אים קיין אייגנטלעך קאָניונקטיוו, ער פלעגט דאָס אַרומשרײַבן. אויף דעם אָרט וואָס דער דײַטש זאָגט „העטטע איך געשריבען" זאָגט דער העברעער „לו כתבתי". דער הײַנטיקער ייד הייבט אָן אַזוי ווי דער העברעער מיט „ווען" (לו) און רופט צו הילף אַ גאַנצע שרעגע מיט הילפס-צײַטווערטער: „ווען איך זאָל געווען שרײַבן" („וואָלט" איז אַ קאָנדיציאָנאַל). דאָס אַרומשרײַבן בײַ צײַטווערטער איז אַ סימן פון אַנטוויקלונג און באמת אַ המשך פון דײַטשע שפּראַכגעזעצע און גאָר נישט אַזוי ווונדערלעך ווי טייל קלערן. ס'איז געגוג, אַז אונדז וועל'מיר פאַרגלײַכן דאָס דײַטשע „עס ווירד געלעזען ווערדען" מיט דעם פּשוטן לאַטײַנישן ווערב „legatur", „עס מעגע געהערט ווערדען" און „audiatur", אאַז"וו. קאַראַקטעריסטיש איז, אַז די איינפאַכקייט פון די צײַטן באַשרענקט זיך ניט אויף די פאָרמען אַליין, אויך די ווערטער טראָגן אויף זיך דעם סטעמפּל פון דער דאָזיקער איינפאַכקייט. דער ייד קען נאָר זומער און ווינטער; פרילינג און הערבסט האָבן נישט קיין נעמען, מען שרײַבט זיי אַרום: „פּסח-צײַט", „ניסן-צײַט" און „סליחות-טעג", „סוכות-צײַט". „אָשיען" און „יועסנע" זענען נישט קיין פאַרברייטעטע ווערטער, אין מערב-גאַליציע קען מען זיי גאָרנישט. דער „אָבענד" (אָוונט) האָט אויך בײַ יידן נישט קיין נאָמען. דער גרוס „אַ גוטן אָוונט" איז דער איינציקער שלאַד פון דעם וואָרט. „פאָראַבענדס" הייסט אים יידישן „פאַרנאַכט", דער „אַבענד" אַליין ווערט גערופן „תחילת-הלילה", „אויף דער נאַכט".

דער סובסטאַנטיוו איז אים לשון-קודש נישט פלעקסירבאַר. וואָס גייט

דעם ייד אָן דאָס רעאַלע: דער נסמך (status constructus) איז גאַנץ פֿאַרקערט צו די אַרישע לשונות. דער ייד, וואָס ער האָט אָנגענומען דאָס דײַטשע לשון וואָס איז יאָ פֿלעקסירבאַר, האָט געהאַט אַ גאַנצע מלחמה. דער צוזאַמענשטויס פֿון די צוויי פֿאַרשידענע שפּראַך־סיסטעמע האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּשר. דאָס וואָס לעבט נישט באמת, אָדער אויך דאָס וואָס זשיפּעט נאָר אַ טירישע לעבן, איז טאַקע ווײַטער נישט פֿלעקסירבאַר און קען נישט קיין פֿאַרענדערונגען. מען זאָגט: דער לאָמפּ, פֿונעם לאָמפּ, צום לאָמפּ, דעם לאָמפּ; די שטוב, פֿון דער שטוב, צו דער שטוב, די שטוב; דער לייב, פֿונעם לייב, צום לייב, דער לייב. ווערטער אָבער וואָס באַצייכענען מענטשן אָדער זייערע אַטריבוטע זענען דעקלינירבאַר, ווי: אַברהם, אַברהמס, אַברהמען; דער רופֿא, דעם רופֿאס, דעם רופֿאן אאַז״וו. ענלעכקייט דערמיט האָט אויך דער זעקסישע גענטיוו אין ענגלאַנד.

נישט נאָר אויף די אינעווייניקע שפּראַכגעזעצע האָט זיך אויסגעפּרעגט דאָס יידישקייט, אויך די אויסנווייניקע פֿאָרם איז אַ סך מאָל העברעיִש. אַלע העברעיִשע ווערטער ענדערן זיך אָפּ אים פּלוראַל ווי געהעריק: חכמים, ספֿרים, סוחרים, קונים, אותיות אאַז״וו. און אַחוץ דעם, אַ סך פֿרעמדע ווערטער האָבן פֿאַרגעצויגן דאָס העברעיִשע לשון רבים, ווי למשל: דאָקטאָר—דאָקטוירים, טכויר—טכוירים, פּאַרשוין—פּאַרשוינים אאַז״וו. דאָס ווײַבלעכע פּלוראַל איז ס׳רוב לשון־קודש. מאַמע—מאַמעס (מאַמות), שאַפֿע—שאַפֿעס, רעדאַקציע—רעדאַקציעס אאַז״וו. קלינגט גלייך ווי סחורה—סחורות, תורה—תורות, פּרי—פּרות אאַז״וו. אים יידישן רעדט מען אויס ביידע ענדונגען גלײַך; דאָס „ת“ איז גאָרנישט אַנאַלאָג צום ענגלישן.

אַפֿילו די פֿאָנעטיק האָט דאָס זיגל פֿון דעם אַלטן יידישקייט אויף זיך. דער ייד האָט פֿאַרדעם געענדערט די דײַטשע אויסשפּראַך ווי ס׳איז בעסער געווען צו זײַן סעמיטישער צונג, ווייכער און באַקוועמער צו זײַן העברעיִשן גומען. דער סעמיט האָט אַ טבע פֿאַר אַ „ריש“ אַ סגול (e) אין אַ פּתח (a) צו פֿאַרבײַטן, אַזוי אויך דער ייד הײַנט: גאַרבער (גערבער), באַרג (בערג), האַרץ (הערץ), שאַרבן (שערבען), פֿאַרטיק (פֿערטיג). „פֿער“ ווערט אייגנטלעך „פֿאַר“ אַרויסגערעדט: „פֿאַרמאַכן“, „פֿאַרבאָרגן“, „פֿאַרענטפֿערן“ אאַז״וו. פּאַראַלעלן דערצו זענען אויך דאָ אין מאַנכע אָבערדײַטשע דיאַלעקטע.

דאָס לשון־קודש ציט פֿאָר אַ „מעם“ פֿאַר אַ „נון“. אים תרגום זאָגט מען „מלכין“, לשון־קודש „מלכים“; דאָרט „חיין“, בײַ אונדז „חיים“, דאָרט „שלחנין“, בײַ אונדז „שלחנים“ אאַז״וו. אַזוי אויך אויף דעם אָרט פֿון „רויגען, זאַנד, פֿאַדען, אונגליקליך, אונגערן“ אאַז״וו זאָגט דער ייד „רוימען, זאַמט, פֿאָדעם, אומגליקלעך, אומגערן“ אאַז״וו. די דאָזיקע ענדערונגען שטימען אויך אָבער מיט דעם מיטלהויכדײַטשן.

דער העברעער האָט אַ ווידערווילן צו אַ „נד“ צוזאַמען. „הנדו“ הייסט בײַ אים „הודו“, „מנדע“—„מדע“. ער וואַרפֿט אַוועק די „נון“. דער ייד האָט

זעם זעלבן ווידערווילן און ער וואַרפט וויַטער אַוועק די „ד". אַזוי איז אים יידישן „פאַרשטאַנען, פאַרהאַנען, אָנצינען, פאַרבינען, אויסגווייניק, לעבעדיק, פאַסקונע, געפונען, וויאַנען, און" שטאָט „פערשטאַנדען, פאָרהאַנדען, אָנצינדען, פערבינדען, אויסוועגדיג, לעבענדיג, פאַסקודנע, געפונדען, וויענדנען (więdnąć), אונד".

די יידן ליינען אַ "צאַדיק" — "c„, "z", שטאָט ווי אַלע אַנדערע סעמיטישע פעלקער ווי אַ „ס" „ז"; אַזוי אויך זאָגן די יידן אַ סך דיַטשע ווערטער אויף „ז" ווי „z", „c": „פינסטער, פענסטער, אַלס, קונסט אאַז"וו" ווערט אייגנטלעך אויסגעשפּראָכן „פינצטער, פענצטער, אַלץ, קונץ, אאַז"וו.

אים לשון-קודש אַז עס קומען צוזאַמען צוויי „טאָף", אָדער „טעס", אַזוי ווערן זיי פאַרשלונגען (כרתתי,—כרתי, מותתתי—מותתי, מתטהר—מטהר). אַזוי אויך „געאַרבייטעט — געאַרבעט, געלייַכטעט — געלייַכט, געגליסטעט — געגליסט, געפאַסטעט — געפאַסט, געהוסטעט — געהוסט אאַז"וו. אים לשון-קודש פאַרשלינגען זיך טיילמאָל די קאָנסאָנאַנטע, אַז אַפילו אַ „דאַלעד" קומט מיט אַ „טאָף" צוזאַמען (מתדבר—מדבר). אַזוי אויך אין יידישן: אין „לייַדט, שאַדט, געשאַדט, גערעדט אאַז"וו" הערט מען קיינמאָל נישט די „טעס" און ס'קלינגט נאָר „lad", „schad" אאַז"וו. כדי מען זאָל גיין אויס דעם וועג צו דעם צוזאַמענשטויס, האָט דער ייד געפונען פאַר נייטיק אַ אַנדערע שטאַרקע פאָרם פון דעם פאַרטיציפּיום פּרעטעריטי צו בילדן ביַי ווערטער וואָס באַדאַרפן זיך ענדיקן אויף „דעט"—„דט". אַזוי שטאָט „געמעלדעט, געבאַדעט אאַז"וו" זאָגט מען „געמאָלדן, געבאָדן אאַז"וו".

אים העברעישן אַ „כעס" נאָך אַ וואָקאַל ווערט אויסגעשפּראָכן ווי „אַך" „לוח", „רוח" אאַז"וו (פתח גנובה — pathach furtivum). ס'איז אַ באַקאַנטע ערשיַינונג אים סעמיטישן דאָס איבערבייַטן פון אַ פתח אויף אַ סגול. די הייַנטיקע טראַדיציאָנעלע אויסשפּראַך למשל פון הֶפְקֵר, הֶסְפֵּד איז הֶפְקֶר, הֶסְפֶּד, אַזוי זאָגט מען אים יידישן רוח, לוח — רועך, לועך. אַנאַלאָג צו דעם, אַז „ch" ביַים סוף וואָרט ווערט אויסגעשפּראָכן „ech" זאָגט דער ייד אייגנטלעך נישט „בוך, שוך, קוך אאַז"וו" נאָר „בועך, שועך, קועך אאַז"וו".

דער העברעער האָט אַ נייגונג צוויי גלייכע קאָנזאָנאַנטן צו פאַרשלינגען (כפולים), דער דגש חזק ווערט אין דער טראַדיציע פון דעם גרעסטן רוב יידן נישט טאָפּלט אויסגעשפּראָכן. ענלעך פאַרהאַלט זיך דער ייד צו די דיַטשע טאָפּלע לויטע: אַלליין — אַ ל י י ן, גאַללע — ג אַ ל, קאָממען — ק ו מ ע ן, פאַללען — פ אַ ל ן, קעננען — ק ע נ ע ן אאַז"וו.

IX

דאָס יידיש איז אַ פאָרטזעצונג פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט. אונדז זען'מיר טיף פאַרקניפּט מיט דעם וואָס איז אַמאָל געווען, אַזוי ווי אַ בוים וואָס ציט כוחות פון זייַנע וואָרצלען. אונדזער יסוד איז דאָס פאַרצייַטיקשטיקע יידישקייט. פאַרדעם איז לויט מיַין דעה אַבסאָלוט נייטיק, אַז דאָס כתב פון דעם

יידישן זאָל זײַן אונדזער לשון-קודש אלף-בית. אַלע טענות אַקעגן דעם שטאַרטשען נישט, אַז אונדז זאָל'מיר מיט פרײַען ווילן אויפגעבן אַזאַ וויכטיק באַנד.

די אַלגעמיינסטע און אויך די אַם מייסטן פּליטקע טענה איז, אַז דאָס יידיש איז אייגנטלעך אַ גערמאַניש לשון, און גערמאַניש באַדאַרפט נישט געשריבן ווערן סעמיטיש. ס'איז אָבער אַ נאָנסענס. אין דער רגע ווי מיר ערקלערן אונדזער אידיאָם פאַר אונדזער נאַציאָנאַל לשון, הערט זיך אויף יעדער יחוס און מחותנותשאַפט מיט דעם דײַטשטום. די דײַטשע עלעמענטע זענען געוואָרן געפורעמט און אויסגעבויט לויט דעם יידישן גייסט. דער יידישער גייסט האָט זיך תמיד באַדינט צו זײַנע אויפצייכנונגען מיט דעם כתב אשורי (כתב עברי איז דאָך נאָר אַ פריערע פאָרם בלויז). וואָס איז אונדזער דאגה, אַז די גערמאַנען צייכנען אויף מיט לאַטײַנישע אָדער „גאָטישע" אותיות (פראַקטור)?

אַפילו דאָס נישט, ווי קומט עטימאָלאָגישע קרובותשאַפט צו אַלפאַבעטישער גלײַכקייט? אַלע אַלפאַבעטע פון די אַרישע פעלקער, אַפילו דאָס אַלפאַבעט פון דעם סאַנסקריט, אַפילו דאָס גריכישע וואָס איז דורך דעם לאַטײַנישן די מאַמע פון אַלע איראָפּעיִשע אַלפאַבעטע, אַפילו די היילקע רונען קומען אַרויס פון אונדזער אַלפאַבעט, פון אונדזער פעניציש אַלף-בית. דאָס גריכישע אַלפאַבעט האָט נאָך ביז הײַנט זײַנע סעמיטישע נעמען (אַלפאַ, בעטאַ, גאַמאַ, דעלטאַ, קאַפאַ, לאַמבדאַ וכו'). דאָס כתב פון די עלטסטע סעמיטן, פון די באַבילאָניער, איז גאָר סומעריש. הײַנט זענען דאָ אינדאָגערמאַנען, וואָס שרײַבן אַ פשוט סעמיטיש כתב: די פּערסער.

איין כתב קאָן דינען פאַר די פאַרשידנסטע שפּראַכן. גריכישע אותיות באַנוצן, אַחוץ די אייגנטלעכע גריכן, די האַמיטישע קאָפּטן, די איליריישע אַלבאַנער, די גאָטן און טיילווײַז די סלאַווישע קיריליצאַ. אַראַביש שרײַבן די אייגנטלעכע סעמיטישע אַראַבער, די שפּאַנישע מאָריסקען, די איראַנישע פּערזער, די טערקישע אָסמאַנלי, די האַמיטישע בערבערן, די קויקאַזישע טשערקעסן, די מאַלאַיִשע באַוווינער פון דזשאַוואַ און אַזו"וו.

פאַרקערט ווידער קענען שפּראַכן פון איין שטאַם יעדע אַ אַנדער פרעמד כתב באַנוצן. אַזוי בײַ די אוגראָפינען: די אונגאַרן און די פינען שרײַבן מיט לאַטײַנישע אותיות, די סאַמאָיעדן מיט רוסישע, די טערקן און מאַמאַרן מיט אַראַבישע און די מאָנגאָלן מיט סירישע. לינגוויסטיש שײַכות שפּילט בײַ כתב נישט קיין ראָלע. יידיש קאָן מען און מען מוז מיט אונדזער אַלף-בית שרײַבן און מוז'מיר זען, ווי ווײַט מיר קענ'מיר, צו שטאַרקן די וואָרצלען אויף וואָס מיר שטיצן זיך, שטאַרקער מאַכן די שטריק וואָס האַלטן אונדז מיט אונדזער פאַרצײַטנס צוזאַמען און נישט לויזער מאַכן. נאָר אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין אייגן חוט השדרה, וואָס פאַרלירט בײַ יעדער וועגדונג פון דער היסטאָריע זײַן נשמה, קאָן זיך דרייען לויט יעדן ווינט און זיך ענדערן בײַ יעדעם אײַנפלוס. די פּערסער—זיי מעגן שרײַבן אין די צײַטן פון די אַכאַמענידן קייל-שריפט, אין די צײַטן פון די פּאַרטער מעגן זיי

ווערן האַלבע גריכן, בשעת דעם מלכות פון די סאַסאַנידן מעגן זיי ווידער אַראַמעיִש שרײַבן און נאָך דעם אָנגעמעכץ פון דעם איסלאַם ווידער אים אַראַבישן כתב זייער שפּראַך אויסדריקן. די ליטווער מעגן זיך דרייען פון דעם לאַטײַנישן צו דער קירילליצאַ. מיר זענען אַ צו שטאַרק היסטאָריש אויסגעבילדעט פאָלק מיט אַ צו קרעפטיקער אייגנאַרט, אַז אונדז זאָל'מיר זיך לאָזן קנעטן ווי וואַקס און זיך בייגן דאָרט אַהין ווו דאָס ווינטל בלאָזט. הײַנט שרײַבט מערב=און מיטל=אייראָפּאַ לאַטײַניש, שרײַבן מיר אים לאַטײַנישן כתב, מאָרגן קומט אפשר מזרח=אייראָפּאַ צו אַ גרויסער השפּעה און תקיפות איבער דער קולטור, נו טו'מיר זיך איבער און שרײַב'מיר קירילליצאַ. און אפשר אַמאָל איז מנצח די פּאַן=איסלאַמיטישע באַוועגונג און די האַלבע לבנה וועט צוריק לײַכטן איבער האַלב אייראָפּאַ, אָדער די געלע ראַסע וועט פאַרפלייצן די וועלט און אויסאיבן אַ קולטור=הערשאַפט — די היסטאָריע האָט צײַט, און sub specie aeternitatis איז דאָך נאָך אַלץ מעגלעך — נו, וועל'מיר שרײַבן אַראַביש אָדער כינעזיש. די דאָזיקע וואָס טענהן, אַז יידיש מוז לאַטײַניש געשריבן ווערן, מיינען ס'רוב דאָס, ווײַל אין זיי שטעקט נאָך דער שקלאַווישער חשק פון דעם געטאָ אַ פּנים פון „קולטורעלע מענטשן" צו האָבן, און פאַרגעסן, אַז זאָלכע קולטורעלע מאָסן זענען אַזוי ווי פליגן וואָס לעבן איין טאָג.

טייל טענהן ערנסטער, אַז דאָס יידישקייט וויל הײַנט אָנערקאַנט ווערן, מוז עס פון אייראָפּאַ פאַרשטאַנען ווערן; און כדי זיי זאָלן עס פאַרשטיין, כדי אייראָפּאַ זאָל אונדזער ליטעראַטור לייענען, מוז אונדזער שריפט אַ אייראָפּעיִשע זײַן. דאָס איז אים גרונט אויך נישט ריכטיק. אונדזער יידיש איז אַ פאָנעטישע שריפט (די לשון=קודשע ווערטער וואָלטן באַדאַרפט געפינטלט צו ווערן); און זענען זײַנע צוואַנציק אותיות (כעס און טאָף זענען אָפּגעשאַפט אים יידישן) אַזוי שווער צו דערלערנען, אַז זיי זאָלן אָפּשרעקן יעדן גוי? דאָס לאָזט זיך זאָגן בײַ דעם כינעזישן, בײַ אַ כתב פון אידעאָגראַמען, אָדער אַפילו בײַ אַ היסטאָרישן כתב ווי דאָס ענגלישע, אָבער ווי קאָן מען דאָס זאָגן בײַ דעם יידישן?

אַחוץ דעם, ווען אונדזער כתב זאָל זײַן לאַטײַניש, וועל'מיר אויך נישט קיין סך געווינען און גויִם וועלן אונדזערע ליטעראַטור נישט לייענען. לייענט לייענט דער עולם נאָר ליטעראַטורן פון גרויסע און מעכטיקע פעלקער, ליטעראַטורן פון קליינע אָדער שוואַכע מוזן זיך באַגניגן, אַז מען קען זי פון איבערזעצונגען. די וועלט לערנט פראַנצייזיש, ענגליש, ווײַל די ערשטע שפּראַך איז געווען ביז נישט לאַנג די ערשטע מאַכט אין אייראָפּאַ און דאָס צווייטע איז הײַנט די שפּראַך פון צוויי גוואַלטאָוונע מלוכות. איטאַליעניש, שפּאַניש קען איינער אויף הונדערט, אויף טויזנט אינטעליגענטע מענטשן, כאָטשע אויך זיי זענען געשריבן זייער שיינע ליטעראַטורן און די שפּראַכן זענען שענער און לײַכטער צו דערלערנען ווי פראַנצייזיש אָדער ענגליש.

ווער לײנט די נאָרוועגישע ליטעראַטור אים אָריגינאַל, כאָטשע די וועלט איז הײַנט באַגײסטערט פאַר איבסען און ביערנסען, וועמען פאַלט אײַן פּויליש וועגן שיענקעוויטש, נידערלענדיש וועגן מולטאַטולי צו לערנען? ווער קען אין אײראָפּאַ דאָס סערביש-קראָאַטישע לשון, כאָטשע ס'איז דאָס שענסטע סלאַווישע לשון און האָט אַ רײַכע ליטעראַטור? די שריפט וועט גאָר נישט העלפן, די ליטעראַטור פון דעם קלײנען און צעזײעטן פעלקל צוצופירן צו אײראָפּאַ. דאָס קאָנען טון נאָר גוטע איבערזעצונגען אַלײן. דער גוי וואָס וואָלט אַפילו געלײנט יידיש אים אָריגינאַל וואָלט העכסטנס די ווערטער, דעם גײסט דעם פרעמדן זיכער נישט פאַרשטאַנען.

ביז צַהער טעאָרעטיש, אַקאַדעמיש דעבאַטירט. פּראַקטיש איז זיכער אַ נישט-מעגלעכקײט יידיש לאַטײַניש צו שרײַבן. ווי וועל'מיר וואָקאַליזירן, לויט די פּוילישע אָדער לויט די ליטוואַקישע יידן? וועל'מיר שרײַבן gefynen אָדער gefunen, toit אָדער tet, schein אָדער schön? הײַנט האָט דאָס יידישע כתב אַ מעלה, אַז אַזוי ווי ס'איז אַ חילוק אין דער אויסשפּראַכע פון די ווערטער צווישן די פאַרשידענע טײל פון די אַשכנזישע יידן, אַזוי איז אויך מחולק די אויסשפּראַך פון די אותיות. די פּוילישע יידן לײנען אַ וואָוו ווי i אָדער y, די ליטוואַקישע u. דער פּוילישער ייד זאָגט gefynen און שרײַבט „געפונען", דער ליטוואַקישער זאָגט מיט u און שרײַבט אויך „געפונען". אַזוי אַ „חולם" איז בײַ די פּוילישע oi און בײַ די ליטוואַקעס e; „טויט" שרײַבט מען גלײַך און מען לײנט אַנדערש. אַזוי אַ „צירה": דער מערב-גאַליציש(ער) לײנט ei, דער רוסישער e. „שיין" איז אָן אַ חילוק געשריבן, און יעדעס טײל לײנט ווי זײַן הײמישע אויסשפּראַך איז. (ענלעכע חילוקים ווי בײַ אונדז איז אויך בײַ די גריכן צווישן דער אַלטגריכישער אויסשפּראַך פון אײן זײַט און דער מאַצעדאָנישער, רײמישער און נײגריכישער פון דער צווײטער זײַט, כאָטשע דאָס איז אײנס: Sulla—Sylla, Oidypos—Ädypus, Aischylos—Äschylus.)

ווען ס'זאָלן מער קײן טעמים נישט זײַן ווי דער פּראַקטישער טעם, איז שוין גענוג, אונדזער אַלף-בית צו באַנוצן אים יידישן און נישט צו בײַטן. דער נאַציאָנאַלער טעם אָבער מוז אונדז תמיד דערמאָנען, וואָס פאַר אַ גרויסע באַדײַטונג דאָס האָט פאַר אונדזערטוועגן, אַז אײן און דאָס זעלבע כתב פאַרבינדט דאָס יידיש מיט אונדזער לשון-קודש.

*

יידיש איז פון דעם לינגוויסטישן שטאַנדפּונקט אַ לשון ווי אַלע אַנדערע לשונות, פון דעם יידיש-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז דאָס יידיש אונדזער נאַציאָנאַל לשון, פון דעם מאָדערנען פעלקער-פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט שליסט אַ גרויסע פאָלקלאָרע, הונדערטער מעשיות, טויזנטער אַסאָציאַציעס פון געפילע און באַגריפע דאָס דאָזיקע לשון צו אונדזער פאָלק.

יידיש ערקלערן מיר פאַר אונדזער נאַציאָנאַל לשון, אָבער די פאַרגאַנ-

גאַנגענהייט אונדזערע פֿאַרלירט דאַדורך נישט פֿון אונדזערטוועגן אירע באַדײַטונג, אונדז ווייס׳מיר צו שעצן אירע לייסטונגען, צו אַכטן אירע חשיבות, צו שוינען יעדעס פּינטעלע וואָס האָט זיך צו אונדז אַריבערגעראַטעוועט. אָבער אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אַליין צו לעבן ווילמיר נישט. לשון=קודש באַדאַרפֿט נישט מער ווערן די שפּראַך פֿון דעם לעבן. בלומען אויף פֿרידהייף צו פֿליקן קאָן אָנגענעם זײַן; צו וווינען אויף אַ פֿרידהאָף איז אָבער נישט פֿאַר די וואָס ווילן לעבן, די פֿאַרגאַנגענהייט האָט פֿון אונדזערטוועגן אַ מאָנומענטאַלע באַדײַטונג, אירע שפּראַך באַדאַרפֿט הויפּטזעכלעך דינען נאָר פֿאַר מאָנומענטאַלע צוועקן, פֿאַר וויסנשאַפֿט. די פֿאַרגאַנגענהייט פֿילט מיט שטאָלץ אונדזער באַוווסטזײַן, עס ווײַזט וואָס אונדזערע עלטערזיידעס האָבן אַמאָל געקאָנט שאַפֿן און רעגט אונדז, נישט קיין קאַרלאָוואַטע עפּיגאָנען צו זײַן. צוריק צו קערן צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, זי צו פֿאַריונגען, איז שעדלעך. דאָס יידישקייט וועט דאַדורך אײַנגעפּאַלמעצט ווערן.

אַזוי ווי דער דײַטש איז שטאָלץ אויף אירמין דעם כערוסקער, כאָטשע ער וועט פֿון זײַן לשון, וואָס איז נאָך משונהדיקער געווען פֿון דעם אַלטהויכדײַטשן, קיין וואָרט פֿאַרשטיין; אַזוי ווי דער ענגלענדער רימט זיך מיט אַלפֿרעד דעם עראָבערער, כאָטשע דאָס אַלטע אַנגל=זאַקסיש איז פֿאַר אים אַ בוך מיט זיבן זיגלען און ס׳חלומט זיך אים גאָרנישט, אויף דעם אָרט פֿון זײַן היינטיק געמישעכץ דאָס גלענצעדיקע לשון פֿון בעאָוואולף מחיה=מתים צו זײַן; אַזוי ווי דער פֿראַנצויז שטאָלצירט אויף די גאַליער וואָס האָבן קעלטיש גערעדט און ס׳פֿאַלט אים גאָרנישט אײַן צוריק צו פֿאַרשפּרייטן די שפּראַך פֿון דער ברעטאַן; אַזוי ווי דער פֿראַנצויז לויבט זיך מיט קאַרל דעם גרויסן, מיט זײַן שאַרלמאַן, כאָטשע ער האָט גאָר גערמאַניש גערעדט, וואָס זיי האָבן דערצו פֿײַנט שנאת=מוות; אַזוי ווי דעם איטאַליענער, דעם זון פֿון די רוימער, פֿאַלט גאָרנישט אײַן צו באַלעוון דאָס ריינע לשון פֿון האָראַץ; אַזוי ווי דער סלאַווישער בולגאַרע שטיצט זיך אויף זײַנע מאָנגאָלישע זיידעס; אַזוי ווי דער נײַגריכע, וואָס ער רעדט אַ פֿאַרדאָרבן גריכיש און לעבט מיט זײַן גאַנץ נפֿש אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווייל דענאָך נישט פֿאַרבײַטן זײַן פֿאַרדאָרבן גריכיש מיט דעם קלאַסישן לשון פֿון די העלענען און לײַכטיקע העלאַס; אַזוי ווי דער מאָדערנער עגיפּטער קוקט מיט גאווה אויף די פֿאַראָנען און ס׳קומט אים גאָרנישט אין קאָפּ אַרײַן דעם שופֿר של משיח צו בלאָזן בײַ די פּיראַמידן און די היעראָגליפֿן צוריק לעבעדיק צו מאַכן,—אַזוי אויך אונדז יידן באַדאַרפֿ׳מיר נישט שפּילן קיין פֿאַרצויגענע קינדער און קיין עקסטראַ מעשׂיות טרײַבן. אונדז קענ׳מיר רעדן יידיש אָן אַ חשק עס צו פֿאַרבײַטן מיט דעם לשון=קודש און דענאָך גוטע יידן זײַן, און אונדזערע אויגן צו נייגן צו די פֿינקלדיקע שטערן, וואָס לײַכטן אונדז אַקעגן פֿון די נחמות פֿון דעם נביא, פֿון דער זיסקייט פֿון דעם פֿידעלע פֿון דעם מלך, פֿון די ספֿקות פֿון דעם וואָס ער האָט געשטורעמט אים צער אַקעגן דעם הימל, פֿון דער פֿער=

ספּעקטיווע פון דער געוואַלטיקער פון דעם פירער אין דעם מדבר, פון די הגדות די ליבלעכע פון די בלאָנזערס אָן וועג. יידן זענ׳מיר אונדז יידיש שמועסדיקע, גוטע, ווייַל אונדזער יידיש איז פולקומען דורכגעטרענקט מיט אונדזער גייסט, ווייַל אונדזער יידיש קאָנטינויִרט די פאַרגאַנגענהייט.

אונדז זע׳מיר יידן און אונדז וויל׳מיר דאָס בלייַבן.

אָן אַ שפּראַך אַ אייגענע קאָן קיין פאָלק נאָרמאַל נישט עקזיסטירן. לשון=קודש האָט נישט קיין שום שאַנסן פאַר דאָס לעבן. האַלב גויִם, האַלב יידן, גוייִש רעדן, יידיש פילן? אַ אַמפיביען=לעבן איז אַ קאַריקאַטור אַ מאַטע,—אַ סך טרויריקער און אַרגער ווי אמתדיקע אַסימילאַציע. צוויטער=וועזן מאַכט פלאַך און האַלב.

ווען מען ס׳ליגט אויף דעם האַרץ די צוקונפט פון אונדזער פאָלק, ווער ס׳וויל נישט צוקוקן צו דער טראַגעדיע ווי אַ דרייַטויזנטיעריק פאָלק גוססט, ווער ס׳וויל נישט, אַז דאָס יידישקייט זאָל אויפגיין צווישן גויִם, דער זאָל אין זיך מנצח זייַן די פאָראורטיילע פון פאַראַכטונג צום יידישן, וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן סוגערירט, און זאָל זייַן קול פאַראייניקן אין דעם קאָר וואָס דונערט אַלעמאָל העכער, אַלעמאָל שטאַרקער: גיט אונדז פולע גלייַכבאַרעכטיקעכץ, עמאַנציפּירט אויך דאָס לשון פון אונדזער פאָלק. לאָז אונדזער לשון האָבן אַלע שפּראַכן=רעכט אין דער שקאָלע, כדי עס זאָל זיך קענען נאַטירלעך אויסבילדן, לאָזן דאָקומענטע אין דעם לשון נישט זייַן ווייניקער פולווערטיק ווי אין יעדער אַנדער לשון פון דער וועלט.

דאָס נייַנצנטע יאָרהונדערט האָט מענטשן=רעכטע געשאַפן, דאָס צוואַנציקסטע האָט די הויכע אויפגאַבע שפּראַכן=רעכטע צו שאַפן. ווער ס׳גלייבט אין דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, דער זאָל אין אונדזערע שרעגעס אייַנטרעטן און מיט מוט און האָפנונג שטרעבן פאַר אונדזער הייליקער נאַציאָנאַלער זאַך, פאַר דערלאַנגען פון אַנטוויקלונגס=מעגלעכקייטן פאַר אונדזער יידישער שפּראַך.